די

# פריינדליכע ברידער

## אליעזר אונד נפתלי

דיא קינדער פון צדוק הכהן וואס וואר אכהן גדול אין דעם משכן פון שילה · אין דיא צייטין פון די שופטים · דיזע מעשה איז ניט אויס גטראכט · וויא איינע אנדרע פון קאפ גימאכט · דען זיא איזט באמת אין יענר צייט גישעהען · וויא עס איז דא אין דער הקדמה צוא זעהען :


**ווילנא**

בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם

שנת תרכ"ח לפ"ק

ДИ ФРЕУНДЛИХЕ БРИДЕРЪ,
т. е. Пріязненные братья Лазаръ и Нафтали.
ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868 г.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ № 327 и 328.




גיוואלטיגע טענץ · איך האב שוין אלעם פאר טייערט
זך פאר מעהרט ער פון טאג צוא טאג זיינע באדערפענעש ·
ען דיזער ארדענונג ווירד דויערין נאך איניגע יאר · דא
ע איך מיינע קאסע צוא אונ מאכע איינע שטאטס באנקראט ·
ט פאר נעם דאש איך בין דאך דיין קאסירער :
ויען ה' מן הסערה) אונ דער גרויסער שעפער האט איר
פערט מיט גרוים צארין (הוי מאחרי בנשף יין ידליקם כי
רישך לאור) דאש הייסט ווייהע איבער יענע וואש ערהיצען
ים דעם וויין ביז אין דער שפעטע נאכט · אונ אום וואנדלען
פינסטערנים אין ליכט · אונ האט דער ביא אויש גישפראכין
פערז (פסוק) וואש ער האט אים אויש גישפראכין אמאל פאר
ע טויזנד יאר דאש הייסט פאר דעם מבול (לא ידון רוחי
ו לעולם בשגם הוא בשר) דאש הייסט מיין גייסט ווירד ניכט
ר מיט דעם מענטשין שטרייטין ווען אויך ער נור פלייש אין ·
האט אבער אום גיענדערט · דען אן שטאט דיזע ווערטער
ימיו מאה ועשרים שנה) דאש הייסט דער מענטש זאל שוין
גיט וויא הונדערט אונ צוואנציג יאר לעבין · האט ער ערסט
גישפראכין (והיו ימיו ארבעים או חמשים) דאש הייסט דער
טש זאל נור לעבין פערציג אדער פופציג יאר :
דאהער מיינע לעזערין איז אזו פיל יונגע גרייזע אין אונזערע
ין · אזו פיל שוואכע · אזו פיל נייע קראנקהייטין · דאהער
אזו איין קורצעס לעבין · דען מיר האבין אונז זייער פיל פאר
ט פון דעם רעבענס גלייז (קאלייע) · מיר פאר ברייננען אונזערע
ט אין נאכין · ביא ניט ערלויבטע זאכין · וואש צוא רואינירען
ער גיזונד · ביז אין גרונד · גינוג גירעט · דען יעדער קלוגער
וועט שוין אליין פאר שטיין · דעם ווארען זין פון דיזער פאבעל ·
זיין זין · צילט זייער ווייט הין :

Francisca Florian

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Ценсурою 12 Іюля 1868 года. Вильна.

# איינע קליינע הקדמה

הספור הזה) דיזע געשיכטע וואר געשריבן אין לשון הקודש
כמה אלפים יארין · אונ איז זיך אזו גיגאנגען מיר ליר כמה
ת דורות · אונ וואר אלין נור איין כתיבת יד ביז עס האט איר
ר וויסט דער גרויסער פראנצויזישער מליץ (פראנצישקע פלאריען)
א דעם רב ר׳ יונתן פון אורינבאן · אונ ער האט זיא מעתיק
ען אויף דעם לשון צרפית · אונ ווייל זיא איז דעם עולם זייער
עלין גיוואורין · האט מען איר דער נאך מעתיק גיוועזן אין אלע
ראבין פון אייראפא · אונ עס לעזין איר שוין אלע נאציאנען ·
· דוא ניט מיינע טייערע לעזערין וואש דיר איז דיזע גישיכטע
מער נוגע אלס אנדערע פרויען ווייל דוא ביזט איין אידעשע
כטער · אונ זיא איז דאך נור איינע אידעשע גישיכטע · דאהער
ב איך מיר גינומען דיא מיהע עס מעתיק צוא זיין אויף אידעש
ין · אין לשון הקודש הייסט זיא מיט דעם נאמען מגלת אליעזר
תלי · אונ איך האב איר אנאמען גיגעבין ״די ליבליכע ברידער.
ראש האב איך גימאן אויש איין גיוויסער אורזאכע · אין דיזער
יילונג וועסט דוא זעהען וויא אונזערע טעכטער האבין זיך
ר צייטין גיפירט · (זייא ווארין קיינע סאחרייקעס · קיינע
נקערקעס · האבין ניט פאר בראכט זייערע יארין אונ טעג לעבין
ם שפיגיל · לעבין דער מאלעטע · זייא ווארין נור הירטינען ·
ינערינען אונ גרוישע ווירטינען) האבין פאר שטאנען צוא ליבין
א צוא בלייבין טרייע אין זייער ליבע · אונ דאך ניט צו קריינקען
ר מיט דיא עלטערין · אויך וועסט דוא דא זעהען וויא ווייט עס
ווארין

וואַרין דאַן אונזערע עלטערין גאַנץ איינפאַך (פּראָסט) אין ד
ענין פון שידוכים · עס וואַרין דער ביא נור דיא הערצער גיפּרע
דאַש הייסט צוא גיפעלט מען זיך · אונ ווייטער דיא איבערי
זאַכין האָבין גאָר ניט גישטערט דער ביא · דרימענס איז צ
מערקין דא וויא וויט איין ברודער וואַר גוט דעם אַנדערין · ד
דאָ קומט פאר וויא יעדער פון דיא צוויא ברידער · האָט גיוואָ
אפּ טרעטין זיין געליבּטע דעם אַנדערין אום נור אים גליקליך צ
מאַכין · אָ מעכטען דיר דיזע אַלע זאַכין פאַר איין שיינעם בּי
שפּיל דינען · דיזע גישיכטע האָט אויך אַגרויסע הקדמה וואש ווי
אויף וויא ריכטיג זיא איז · נור ניט דאָ איז דער אָרט עס איב
צוא זעצין · וייל זיא פאַר קריכט זייער וויט אין טיפע ענינים

---

דיא ברידערליכע ליבשאַפט

ויהי אחרי מות יהושע בן נון) אונ עס וואַר נאָך דעם טו
פון יהושע בן נון דאש הייסט אַלס דיא ישראל האָבין שוין דא
לאַנד כנען איין גינומען אונ יעדער שבט יעדער משפחה הא
באַקומען זיין ערבשאַפט אַזו וויא יהושע האָט עס צוא טיילט נא
בחייו דורך דעם געטליכין גורל · האָבין זיך דיא ישראל גינומ
זייער פלייסיג צו דער אַרבעט · דאש הייסט צוא עבודת האדמה
זייערע שווערדן האָבין זייא אום גימאַכט אויף קאָסעם · אוי
שערפּעם · אונ זייערע פערד וואש זייא האָבין מיט זייא פאַר יאַג
דעם אמורי דאָרט אין גבעון האָבין זייא איין גישפּאַנט אין ד
שאַבעם · זייא אַליין האָבין גיאַקערט אונ זייערע יונגע קינדע
וואַרען ביא דיא הערדען (שטאַדעס) שאָף אויף דער ווייַדע · ד
זייא וואַרען הירטען אונ הירטינען · אונ האָבין פאַר קרוינען ד
וועלדער אונ דיא בערג מיט זייערע גיזאַנגע אונ מיט זייער
היילינע לידערין · וואו מען האָט זיך נור גיקערט אונ גיווענדע

האט



ד מען אַלץ גיזעהען באַשעפטיגטע מענשין · דיא האָבין
נימין · דיא האָבין גיפירט גאַרבּין אין דיא שייערין · ווייַנטרויבין
דיא קעלטערין · אונ אַנדערע האָבין האָניג אונ פּוטער
מילט · דען וויא מיר ווייסין וואַר דאָך ארץ ישראל איין לאַנד
ם האָט דאָרטין גיפלאָסין חלב אונ דבש · אונ בפרט אין דער
ט ווען דיא ישראל וואַרין פרום · אונ דיא ברכה פון גאָט וואַר
פעלד אונ אין שטוב · נון זייען זייא זיך גאַן פרידליך אונ
קליך גיזעסין יעדערער אונטער זיין ווייַנשטאָק · אונ אונטער זיין
ענבוים · אונ איינער וואַר גוט דעם אַנדערין אַזו וויט דאס
ער האָט זיך גיפרייט מיט דעם אַנדערענס גליק · אונ דאש
ט וייל עס וואַר אַלעמען גוט · אונ קיינער האָט ניט גדאַרפט
קומען צו דעם אַנדערענס טאַסקע · דער צוא נאָך האָבין זייא
עבט זייער איינפאַך (פּראָסט) · זייא האָבין גיגעסין נור וואש
ט האָט אין זייערע איינענע פעלדער גיוואַקסען אונ האָבין זיך
קליידעט נור אין דיא קליידער וואש זייערע איינענע ווייבער אונ
כטער האָבין אויש גישפּונען אונ אויש גיוועבט · אונ זייערע
רכען האָבין זיך גיצירט נור מיט בלומען אונ מיט רויזין :
וכמו): אונ אַזוא וויא זייא האָבין גילעבט גאַנץ איינפאַך
ראָסט) · אַזו וואַר דאַן נאָטעס הויז (בית אלהים) אויך זייער
מיין · דער היילינער ארון איז דאַן גישטאַנען נור אין אהל
צעלט) וואש וואַר גידעקט מיט ציגען פעל · אונ דאָך האָט מען
עהען בחוש וויא דאָרט רוהעט דער כבוד פון גאָט · מען האָט
ראַכט דאַן גאַנץ ווייניגע קרבנות וייל מען האָט ווייניג גיזינדיגט ·
ן וואַר דאָרט ניט צוא זעהען קיין קרבן חטאת אונ קיין קרבן
שם · אונ דאָך וואַר נאָט העכסט צוא פרידין מיט דעם פאָלק
יל זייא פלעגין אים אַהין צוא ברייננען אַזו אַזאך וואש עס איז
יא אים פיל טייערער אַלס אַלע קרבנות · אונ דאש איז איין
ע בראַבענעם הערץ אונ גיקנייצטעם גימיט · אונ דיא כהנים וואש
אבין גיטאַן דאָרט דיא ווינציגע עבודה מיט גרויס קדושה אונ

גרויש

פאר זייא · אונ דיא עלטערין האבין עס גיהאלטין פאר אגרויסע זכיה · ווייל דיזע ביידע יונגע לייט וואר׳ן גרויסע צדיקים אונ גרויסע מפורסמים אין דער גאנצער לאנד · דער צו נאך האבין זייא גידיינקט פיליכט וועלין אפאר מיידכען פון זייערע טעכטער זייא גיפעלין צוא נעמען פאר ווייבער ״ דען אין יענע צייטין פלעגין הויפט שידוכים גישלאסין ווערין ביי דיא ברוגימער · וויא מיר גיפינען ביי יצחקס שידוך בייא יעקבם אונ ביי משה רבינום שידוכים :

אולם שני בני היצהר) דאך אבער דיזע צווייא יונגע כהנים אליעזר ונפתלי האבין נאך גאר ניט גידיינקט פון חתונה צו האבין אונ קיין שטראל פון פרויען ליבשאפט האט נאך ניט איינגעדרונגען דאן אין זייער אונשולדיגעם הערץ · זייא האבין מער ניט וויא גיליבט גאט איהרען פאטער : אונ אזו איינער דעם אנדערין · זייא וואר׳ן אזו שטארק פערבונדין אונטער זיך · דאס זייא האבין ניט גיקענט לעבין איינער אן דעם אנדערין · אונ עס האט נאר אויס גיזעהען דאס זייא ביידע זיינען נור איין זייל וואס לעבט אין צווייא קערפערין וואס זיינען אויך גישניטין פון איין שטאף (חומר) דען זייא וואר׳ן דאך איין צווילינג · אונ אזוא האבין זייא צוא זאמען גיטאן דיא עבודה אין דעם משכן · צו זאמען גיגעסין צוא זאמען גישלאפין אונ צו זאמען שפאצירין גיגאנגען · אונ דאך וואר׳ן זייא זייער ניט גלייך איינער צו דעם אנדערין אין זייערע כאראקטערין (נאטורין) · דען דער אלעזר וואר פון נאטור מותיג · בעהערצט · ניט שרעקענדיק אין קיין גיפאר · זיין הערץ וואר פול מיט גבורה אונ פעסט וויא פון קופער · גיגאסין · דער צו וואר ער אמענטש מיט גרוים ישוב הדעת · מיט איין פינקטליכין ואיבערלייגונג · ער האט יעדער זאך גיטאן זייער זאכט אונ האט האלט גיהאט זיך זייער גוט צו באדיינקען ביי יעדעם ווארט וואס ער האט גירעט · אויך וואר ער איין גרויסער אוהב חכמה אונ פלעגט זיך אימער פאר טיפין אין טיפע ענינים · אונ דער בייא וואר ער אגרויסער בעל מדות טובות איין רודף שלום איין ענו איין בעל גמילות חסדים ·

זיין



זיין ברודער נפתלי אבער וואר גאר דער הפך פון אים · ער וואר פלוטעוואטע · ער פלעגט צוא ריידין בעפאר ער האט זיך מיישב גיוועזן אונ מיט לארעם · ער פלעגט צוא טאן גוטעס אן איבערעכענונג ואס ער האט עס גידארפט בעסער · אן ווענדין זיינע דמיונות (פאנטאזיע) וואר פיל גרעסער אלס זיין פאר שטאנד · דאהער פלעגט ער אימער צו מאכין אזעלכע פלאנען וואס וואר אונמעגליך · אויס צו פיהרין · אמאל וואר ער צו פרייליך · אונ אמאל צו אומעטיק דען ער וואר אשטיק מרה שחורה · אונ פלעגט באלד חרטה האבין אויף וואס ער האט גירעט · דאך אבער זיין ברודער אליעזר האט אים זייער פיל איין גיהאלטין · אונ פלעגט אים מדריך צוא זיין אונ פלעגט אויס צו בעסערין אלע קליינע פעלער וואס ער האט גמאכט · דאך דיזע פערשידענהייט פון זייערע כאראקטערין האט צו זייערע ברידערליכע ליבע ניט גישאדעט · אונ האבין צו ווישין זיך גילעבט אזו גוט דאס יעדערער פון זייא האט זיך גשאצט נור דאן גליקליך בשעת ער האט גיטאן גוטעס זיינעם ברודער :

ולמען רפאותו ממחלת רוחו זאת) אום צוא היילין אים פון דיזער גייסטער קראנקהייט (מחלת הרוח) דען עס פלעגט אים איבער צו פאלין איינע מרה שחורה אפטער דאס ער פלעגט צוא בלייבין זיצין כמה שטונדין איינער אליין אין איין פינצטערין צימער וויא מיר האבין שוין דא פריהער גישריבין · האבין דיא דאקטורים גיהייסין דאס ער זאל זיך פאר נעמען אביסיל מיט יאכט (נעיעג) דען דאס אומלייפין אויף בערג אונ דאס שטרייטין מיט ווילדע טירין שלאגין פאנאנדער אלע טרויעריגע גידאנקען · אונ מען בעקומט איבער נייעם לוסט צו דעם לעבען · אונ דאהער זיינען עוסק אין דיזעם פערגעניגען וואס ער איזט באמת פערבונדין מיט סכנות זעלבסט מלכים אונ קיסרים · נון אום גיזונד צו ווערין האט דיזער נפתלי גיטאן וואס דיא דקטורים האבין אים גיהייסן · אצווייא דרייא מאל אין וואך פלעגט ער זיך אן טאן אין יעגער קליידער פלעגט זיך נוט בעוואפענען אונ פלעגט מיט זיך צוא נעמען איין

לאגעל

לאנגעל מילך · אונ איין נוטען געבאקענעם קוכין אין זיין יענער מאסע · איין שווערד ביזא דער זייט אונ אפוטערפאם מיט פיילין אויף דעם רוקין אונ איין בויגין אין דער האנד · אונ פלעגט זיך אזו צוא דורך לייפין זייער פיל בערג אונ וועלדער · אונ פלעגט צו ציילין אויף יונגע הירשין · אויף פייגלאך · אונ אמאל אויף ווילדע שווייגען · אונ פלעגט זיך אום צוא קערין אהיים וויא איין גליקליכער העלד . דען ער וואר אגרויסער שיסער · אונ האט אלע מאל גיטראפין · אונ דאש האט באמת זייער פיל גיווירקט אויף זיין גיזונד · אונ דאש האט זיינעם ברודער אליעזר זייער גיפרייט :

ויהי היום) אונ עס וואר אין איין גיוויסין טאג ווארין דיזע ביידע ברידער גילאדין אויף אחתונה צוא זייער פעטער יהוידע הכהן וואש ער האט גיוואונט אין דעם מדבר יהודה · דען ער האט פאר הייראטהעט זיינע ערסטע טאכטער זמירה · מיט איין גיוויסין יונגען מאן אחיעזר הכרמלי · עס ווארין גילאדין דער צוא נאך פילע יונגע לייט · נון זיינען זייא אלע באזאמען גיגאנגען · אונ דער נפתלי האט מיט זיך גינומען זיינע גיווער · דען זייא האבין גיטראפט דורך גיין דורך אזעלכע ערטער וואש זיינען דארט דא זייער פיל ווילדע טירען · לייבין אונ טיגער · אונ עס וואר וויא זייא זיינען גיקומען אין דיא געגענדין פון דעם הר אפרים האט זיך באוויזין איין יונגער הירש · אונ נפתלי טוז נאך אים מיט איין גישפאנטין בויגין · דען עס האט זיך אויף גיוואכט אינוואים דער יענער לוסט · אונ האט אזו זיך נאך גיאגט נאך אים אגאנצע שטונדע · אונ האט זיך דער ווייל דער ווייטערט פון זיין ברודער אונ פון דער גאנצער גיזעלענשאפט · אונ האט זיך אויך פעראירט אין איינער שרעקליכע וויסטענייא צווישין גרויסע בערג אונ הויכע שטיינער · ער האט זיך שוין גיוואלט אום קערין צוריק · ער האט אבער שוין דיא וועג ניט גיטראפין · זייענדיק מער באזארגט וועגין זיין ברודער דאש ער זאל דער ווייל קיין צער האבין · איז ער מיט גרוים אימפעט אויף איין הויכין בארג ארויף גילאפין אום צו

זעהען



זעהען ארום זיך וואו ער איז אין דער וועלט · אונ דאן וועט ער פילייכט קענען קומען צוא דער גיזעלענשאפט · דאך אבער האט ער פון דארט גאר ניט דער זעהען · אויך האט קיינער זיין שטימע גיהערט וואש ער האט גירופין דעם נאמען פון זיין ברודער אונ פון אנדערע אונ קיינער האט אים ניט גיענטפערט · נון איז ער אראפ פון בארג אונ איז ווייטער גיגאנגען · אונ וואש ער איז ווייטער גיגאנגען האט ער זיך אלץ מער פאר אירט · אונ דא ברענט די זון דאש זיינע האר האבין זיך שיר אן גיצונדין · דער צוא וואר דיזער געגינד אזו וויסט אונ לער · דאש עס וואר דארט קיין קוואל וואסער צוא זעהען אונ פשיטא שוין קיין טייך · אונ ניט איין ריזענדער איז שוין דארט פון דורשט אום גקומען אין די הייסע זומער צייט · דיזע היץ האט אים באלד ערמידעט · דער צו נאך האט ער אן גיהייבין צוא שפירין דארשט · נון איז ער גיבליבין שטיין אויף איין ארט גאנץ שוואך אן גילעהענט אויף זיין בויגין · אונ האט זיך באדיינקט וואש צוא טאן · אין דעם איז אים ארויף גיקומען אויף זיין גידאנקען דאש עס גיהערט נאך צוא זיין איין ביסיל מילך אין זיין לאגיל · אונ האט אים מיט איינער ציטערנדער האנד אן גינומען אים צוא צו שטעקין צוא דעם מויל · אין דעם האט ער דער הערט איינע קרעכצענדע שטימע שרייט „אוי וואסער · אוי וואסער„ ער האט זיך ארום גיזעהען אונ האט דער זעהען דאש ניט ווייט פון אים צווישין צווייא שטיינער ליגט איינע פאר שמאכטעטע מיידיל · ברעכט דיא הענט אונ שרייעט „אוי האט ערבארעמען מיט מיר · איך גייא אויש פון דורשט · גיט מיר וואסער · וואסער„ קוים האט ער עס דער הערט איז ער צוא איר צוא גילאפין · האט אויף גיעפינט דעם לאגיל מילך אונ האט איר גילאזט טרינקען · אונ זיא האט עס פאר שלונגען ביז איין טראפין אונ דאך איז זיא גיבליבין ליגין אויף איר ארט מיט צוא גימאכטע אויגין גאר אן קרעפטין · אונ האט גאר ניט אבליק גיטאן ווער דא איז איר רעטער :

בין

בין כה וכה) דער ווייליע האט דער נפתלי גינוג צייט גיהאט צו באטראכטין איר גישטאלט · אונ האט באמערקט דאש זיא איז איינע גרוישע שוינהייט דאש זיא האט גאר איר גלייכין ניט · אונ עם האט אים גיפרייט דאש ער וואר דער שליח מציל צו זיין פון טויט אזו אשיינע באשעפענם · אונ דורך דיזעם איינפאל גידאנקען האט ער דער ווייל פאר געסין זיין לאנגע · אונ האט נור עוסק גיוועז אום איר אפ צוא מינטערין אונ צוא דער קוויקען מיט וואס נור מעגליך איז אונ עש האט אים גיגאלטין · דען דאס מיידכען האט גיעפינט איהרע אויגין אונ האט אן גיהייבין צו באטראכטין דעם נפתלי איר רעטירער · אונ האט צו אים גיזאגט, איך בין צו שוואך איצונד דיר גיהעריג צו דאנקען דען דוא האשט מיך ביי מיינעם לעבין דער האלטין · היינט אין דער פריא בין איך ארויס מיט דער הערדע פון מיינעם פאטער אום צו וויידען איר צווישין דיזע בערג · זיינען איבער גיפאלין איבער זייא איינע באנדע רויבער (ראבוסעם) פון דיא מואגיטער האבין עש אוועק גינומען · אונ איך לויב גאט האב צייט גיהאט צו אנטלייפין אונ צו באהאלטין זיך צווישין דיא גידיכטע שטיינער · נון אירע איך שוין אום אזו אנאנציין טאג אן עסין אונ אן טרינקען · אונ שמאכטע פון דורסט · אונ פון הונגער · נון ווען דוא וואלשט ניט דא אונטער גיקומען וואלט איך גיווים פון דורסט פערגיין · נון גיבענצט זאלסט דוא זיין צו גאט וואש ער האט דיר גישיקט אהער · נון וויא דוא ווארסט גוט מיך צוא רעטירין בעט איך דיך דאס דוא זאלסט שוין אויך אזו גוט זיין פון מיינע עלטערין איין פריינדליכין דאנק אן צו נעמין באלייטע מיך נאך הויזע דארט ווערט דיך מיין הייליגער פאטער בענטשין · אונ דוא וועסט ביי אים עסין · מיר וועלין צוא ליב דיר איין שאף שלאכטין · אונ דער נאך צו זאמען גאט לויבין נון האט גיוואלט דער נפתלי איר ענטפערין · ער האט גיעפינט זיין מונד ער האט אבער קיין כח גיהאט צוא ריידין · דען ער איזט גיווארין זייער שוואך פון גרוים דורסט · אונ האבין זיך אזוא אן

יטכם



גיקוקט איינער דעם אנדערין וויא צוויא שטיינערנע זיילין ניט ריידענדיק אונ ניט רירענדיק איין הובשע צייט · אין דעם האט דאש מיידכען דער זעהען דאש איר שלייער ליגט אויף דער ערד אונ האט זיך גיוואלט איין בייגין עש אויף צוא הייבין · אונ אלם דער נפתלי האט איר גיוואלט דיזע מיהע פערשפארין · דאש הייסט ער האט עם גיוואלט אויף הייבין אונ האט זיך איין גיבויגין אום עש צו נעמען · איז ער שוין מער ניט אויף גישטאנען דען ער האט זיך אראפ גילאזין אויף דער ערד פון גרויש שוואכקייט · אונ איזט זיך אזוא גיבליבין ליגין וויא איין טויטער · דא האט זיך דאש מיידכען זייער דער שראקין זיא האט אים גיוואלט אויף מינטערין עם האט איר אבער גיפעלט כוחות צו דער צו · אונ אלם וויא איינע אגעניטע האט זיא פערשטאנען פון זיינע מינען אונ פון אנדערע גיוויסע סמנים דאס ער איז פערשמאכט נור פון דורסט · אונ דאש ער האלט ביי דעם שטארבין: נון האט זיא זיך שוין גירעכינט פאר דיא אורזאכע פון זיין טויט · דען זיא האט אויס גיטרונקען זיין ביסיל מילך וואש ער האט גיקענט דער האלטין דער מיט זיין לעבין · אונ האט אים זייער בעדויערט אונ באויינט · דאך אבר האט זיא זיך נאך ניט מיאש גיוועזן פון זיין לעבין אונ איז גילאפין אהיים מיט אלע קרעפטין אום צו פערשאפין אים הילף פון דארט. באם זיא וועט אים נאך ביי דעם לעבין דער וויסין:

ואהיהו) אונ זיין ברודער אריעזר מיט דער גאנצער קאמפאניע וואס וואסען זייער באזארגט וועגען דיזעם נפתלי · האבין זיך צוא שאטין איבער דיזעם גאנצין געגינד אום אויף צו זוכין אים · זייא זיינען גיקראכין איבער דיא בערג · זיינען גיגאנגען צווישין דיא גידיכטע שטיינער אונ האבין אלץ גישריען נפתלי · עם וואר אבער קיין אנטווארט · אונ האבין אים אזו גיזוכט אגאנצע לאנגע צייט ביז זייא האבין אים דער וויסט ליגענדיק אויף דר ערד אוים גיצויגין וויא איין טויטער · אונ אין האנד האלט ער איין מיידכען שלייער · נון האט מען אן גיהייבין צו מינטערין אים עם וואר אים אבער ניט

צוא

צוא דער וועקין. אונ עס וואר אלס זייא האבין אים גוט ארום גיזעהען אונ האבין אן גיהייבין צוא מערקין דאס ער איזט נור פון דורסט אזוא פאר שוואכט · האבין זייא אים אין מויל ארין גינאסין מילך פון זייערע לאגלען · אונ דאן האט ער גיעפינט דיא אויגין אויף איין ווייליע אונ האט זייא באלד ווידער צו גימאכט · דא האט מען קיין שיעות גימאכט מען האט אים אויף גיהייבין פון דער ערד אונ מען האט אים אן גיהייבין צו טראגין אויף דיא הענד וויא אויף נאסילקעס · אונ מען האט אים אזו גיבראכט אין איין באהענטין דארף · אונ פון דארט האט זיך דער ברודער אום גקערט מיט אים אהיים כמעט נאר אטויטין · עס האט מיט אים דארט דיא גאנצע שטאט אויף גיקלונגען · עס האבין אים אלע באדויערט אונ באוויינט · בפרט נאך דער אלטער פאטער · מער אבער פאר אלעמען האט אים באטרויערט זיין ברודער אליעזר · ער האט פון זיין בעט ניט איין מינוט אפ גיטראטין · ער האט צו זאמען גירופין אלע דאקטורים פון גלעד · אונ האט גילאזט בריינגען דעם טייערסטין באלזאם אונ טריאק · אונ דורך גרויש שטארקע אונ דורך גרויש מיהע האט עס דעם אליעזר גיגליקט אויש צוא צוכין אים אביסיל · דער ביא איז גיבעטין גיווארין פאר דיזעם קראנקען נפתלי טאג אונ נאכט אין דעם משכן · עס האבין גיבעטין פאר אים כלל ישראל · דען ער וואר דאך אזון פון זייער גיליבטין כהן גדול · אונ גאט האט מיט דיזעם יונגין מענטשין מיט לייד גיהאט · אונ האט אן גיהייבין צוא מאכין אים גיזונד · אונ דער אליעזר האט אלץ פון אים ניט אפ גיטראטין אונ האט אים אפ גיהיט וויא זיין אוינאפעל · דען זיין ברודערס לעבין וואר אים אזו ליב וויא זיין לעבין · אונ אזו אויך וואר פאר קערט :

ויהי במלאת חמשים יום) אונ עס יואר אין דעם פופציגטין טאג נאך פסח · דאש הייסט דער זעקסטער סיון וואש דאש איז דער טאג וואש גאט האט אין אים דיא תורה גיגעבין צוא זיין פאלק ישראל · אונ וואש מען רופט אים חג השבועות · אונ צדוק דער

כהן



כהן הגדול איז ארויף אויף דעם מזבח מקריב צוא זיין דיא שתי הלחם מיט איין אקס צווייא ווידער אונ זיבין לעמער · וואר דאן פריידין איבער פריידין · דען לכבד דעם וואש דיזער יום טוב איז איינער פון יענע דרייא פייער טאגע וואש דאש גאנצע פאלק פלעגין צו זאמען קומען עולה רגל זיין · האט מען נאך אין אים גיבראכט בכורים מיט זאנג אונ קלאנג · דאס הייסט יעדער האט גיבראכט דיא ערסטע פרוכט וואש איז צייטיג גיווארין אין זיין גארטין אין שיינע אונ טייערע קערב וואס ווארען גיקרענצט מיט בלומען אונ מיט רויזין · אונ דאן האט מען גאט גידאנקט פאר דאס לאנד וואס ער האט אונז גיגעבין · אונ יעדערער האט זיך גליקליך גישאצט דאש ער איז איין ישראל איין אייניקער אברהמס · אזון יצחקס · קורץ דער פון עס וואר דארט דאן אלע פרייליך אונ לוסטיג · נור אונזער כהן גדול צדוק ניט · דען ער וואר נאך העכסט באזארגט וועגין זיין זון נפתלי וואש ער וואר נאך ניט גיוויס מיט זיין לעבין · אונ איז דאהער באלד נאך דער עבודה אוועק צוא אים · אונ האט אפ גיביטען זיין עלטערין זון אליעזר דאש ער זאל אין דיזען הייליגין טאג באזוכין דעם משכן · אונ זאל זיך איין עטוואס משמח זיין מיט דעם עולם · נון איז ער גיבליבן ביא דעם קראנקען זון אונ אליעזר איז אוועק אין משכן · אונ האט זיך דארט ניט פיל פר זאמט · ער האט דארט נור מתפלל גיוועזן פאר דעם ברודערס גיזונד אונ האט שוין גיוואלט גיין אהיים · קוים איז ער אוועק פון פרוכת איז אים גיקומען איין שיין מיידכען אנטקעגין · אונ האט אים גיגעבין צווייא טויבען פאר איין קרבן עולה אונ איין ווייסען לאם (שעפס) פאר איין חטאת · דאש ער זאל עס מארגין פאר איר מקריב זיין · דיזעם מיידכען וואר העכסט פאר קימערט · אונ דער צוא פאר שעמט אונ מיט אראפ גילאזענע אויגין האט זיא זיך גיבוקט פאר דיזעם יונגין כהן · אונ האט צוא אים גיזאגט מיט איינער טרויעריגע שטימע · פאר ציהע מיר נעטליכער יונגער מאן · פאר ציהע מיר

הייליגער

הייליגער יונגער פריסטער (כהן) · פאר ציהע מיר ארעמעם קינד וואש איך נעם מיר דיא פרייהייט אפ צוא האלטן דיך געטליכר מאן אין דינען הייליגן טאג · אונ פארלאנג פון דיר איצונד אזו אנאך וואש עס איז גאר נים שייך פאר דיזעם יום טוב · דען דאש גיהערט צוא דעם מארגענדיקין טאג · נור איך בין אבער נים אהיגע · איך בין פון שבט בנימין פון כפר רוזה · מיך רופט מען רחל · איך בין איין טאכטער פון דעם פרומען עובדיהו · נון מוז איך היינט ביא נאכט מיט מיינעם פאטער פערייזען · איך וועל שוין דא מארגין נים זיין · נון מוז איך דיך היינט בעטין · דאש דוא זאלשט מארגין דיזעם אפפטרין (מקריב זיין) אין מיין נאמען · אונ בעט גאט פאר מיך · דאש ער זאל עס מיט בארעמהארציקייט אן נעמען אונ ער זאל ערפילען מיין וואונש · דען מיין זייל איז גיקריינקט אונ טיף גיבייגט · דיזער יונגער פריסטער (כהן) איז גיווארין העכסט גירירט פון איהרע הארץ רייסענדע ווערטער · אונ האט איר גיענטפערט זייער פריינדליך איך וועל עס טאן · אונ גאט זאל ממלא זיין דיין רצון וואש דוא פאר לאנגסט פון אים · דאך מוז איך עס אבער וויסין · דען דוא ביזט נאך איין יונגעם מיידכען אונ דער ווייסט וואש דיין קינדעשעס הערץ פאר לאנגט פון אים · פיליכט איז עס איינע דומהייט · אדר איין אומרעכט · דען קינדער אונ בפרט נאך אמיידכען · אונ איין שיינע מיידכען וויא דוא ביזט · קען זיך לייכט פאר אירען אין איהרעם וואונש · קוים האט עס דער אליעזר אויש גירעט אונ דאש מיידכען איז גיווארין רויט וויא פונק · אונ האלב צוא מישט אונ האט אים גיענטפערט מיט איין האלב קלאגענדע שטימע · ניין מיין הייליגער פריסטער · מיין נים דאש איך בין עפעם איין צו לאזענעם קינד · ניין איך בין איינע ערליכע טאכטער פון פרומע עלטערין · מיין הערץ אונ מיין פאר לאנג איז ריין וויא דיא וואשער וואש פליסט דא אין דיזעם קוואל · איך פאר לאנג נור דאש דער גאט וואש רוהעט דא אין דיזעם הויז זאל היילין אונ גיזונד מאכין איין גיוויסין יונגען מאן



…אן וואש איך וואר דיא גיוויסע אורזאך פון זיין קראנקהייט · …י איך האב אים אום גליקליך גימאכט ; איך בין אין דעם שולדיג …ך מיך חלילה וועט ער יונגערהייט פון דער וועלט אוועק · איך …ב עס אבער נים וויליגענדיק פאר אורזאכט (מסבב גיוועזן) · …ך האב איך קיין מאכט גיהאט אים צוא רעטירען · דען איך …ר דאן שוואך אונ קראנק · נון בעט איך דיך מיין יונגער הער …ש דוא זאלשט מתפלל זיין ביא גאט דאש ער זאל מיר עס נים …בענען פאר קיין זינד · אונ זאל דער צוא דיזין קראנקין היילין · … אזו ריידענדיק האט זיא זיך פון איינאנדער גיוויינט זייער …ארק · דאש זיא האט שוין מער נים גיקענט שפרעכין :

ולא יכול אליעזר להתאפק) אונ דיזער אליעזר האט זיך נים …ענט איין האלטין דער ביא פון וויינען · דען ער וואר זייער …ירט פון איר איידעלעם הערצין · דען ער האט דאך אויך …ן טייערין קראנקין ביא זיך גיהאט · נון פאר שטייט זיך איין …רענדער אויף דעם אנדערין · אונ האט זיך אזו באלד אום גיקערט …יק אין משכן אונ האט שוין מתפלל גיוועזן פאר אים נים וויסענדיק … גאר וויא מען רופט אים · דען זיא האט אויך נים גיוואוסט …האט איר פאר זיכערט · דאש איר גיבעט אונ איר פאר לאנג …ט אן גינומען ווערין · נון איז דיא רחלען גיווארין פיל גרינגער …ה איר הערצין · האט אפ גיווישט אירע טרערין דען זיא האט …ויבט אונ דער צוא גישפירט אין זיך דאש יענער יונגער מאן …ניווארין דורך זייער ביידינס גיבעט גיזונד אונ פריש · אונ איז …אזו אוועק פון דעם משכן זייער פריילך · אונ דאן אוועק …ארין מיט איר פאטער אהיים גאנץ רוהיג · אונ ער דער יונגער …ער האט זיך אום גיקערט אהיים צוא דעם ברודער · אונ האט … נים גיקענט גינוג אפ וואונדערין דער זעהענדיק דאש זיין …דער נפתלי איז גיזונד אונ פריש אונ דאש דיא גאנצע פאמיליע …דער פון לוסטיג אונ פריילך · אלע זיינען פאר פוצט · אונ …ר פיל ליכט ברענען אין אלע ווינקעלאך · נון ווער קען

באשרייבין דיא פריידע פון דיזע צווייא פריינדליכע ברידער
שטונדין לאנג זיינען זייא זיך גילעגין אין דיא ארעמס האבין זיך
גיקוסט אונ גיהאלדזט · אונ האבין גאט גידאנקט אונ גילויבט דע
זייא האבין בחוש גיזעהן דאש נור זייערע תפלות האבין גהאלפין
אבער ניט מענשליכע הילפע · נון וואר דיזער אבינט פאר בראכט
דארט אין גזאנג אונ אין קלאנג :

דאש אוים זאגין · אונ דיא שליחות :

התג עבר) דער טאג שבועות איז אוועק · דאך די פרייד
אונ דיא לוסטיקייט פון זייא האבין גידויערט נאך דעם גאנצ
מארגענדיקין טאג וואש מען רופט אים אסרו חג · דען דאש פאל
האבין אין אים ערשט אן גיהייבין מקריב צוא זיין זייערע קרבנות
דער טאג וואר דאן זייער שיין אונ העל · מענער אונ פרויען ווארי
נאך יום טובדיק גיקליידעט · אין דיא גאסין זיינען גישטאנע
גיגרייטע טישען · באדעקט מיט דיא בעסטע ווייגען אונ בראטען
אונ ארעם אונ רייך · האבין דער פון גיגעסין צוא גלייך · דיא ארעמ
אונ פאר טרויערטע אלמנה איז דא שוין גיזעסין וויא בייא איר
אייגענעם טיש · דער יתום אונ דיא יתומה ווארין פריינדליך אוי
גינומען וויא פון הייסע עלטערין · אויף דיא מערק וואר גישפילט
אונ גיטאנצט · אונ פון פריא מארגין ביז דעם שפעטין אווינט
ווארין טויזענדע שידוכים גישלאסין · אונ מזל טוב האט גיקלונגע
אין אלע גאסין · עס האט דארט אויש גיזעהען וויא דאש גאנצ
פאלק איז נור איין פאמיליע · דען עס האט זיך יעדער גיפריי
מיט דעם אנדערינס שמחה · אונ הונדערטע מענטשין האבין
גישפייזט בייא איין טיש · אונ יעדער באזונדער וואר שטאל
דארויף דאש ער איז איין ישראל · עס וואר דארט גיזונגען לידער
לכבוד גאט · לכבוד דעם משכן · אונ דער נאך גאר צום סוף ווארין
אן גיצונדין טויזענדע הבדלות אונ דאש גאנצע פאלק האבין זיך
איין געטיילט אין באזונדערע צייטין · מענער באזונדער : פרויען

באזונדער



אזונדער · אונ אזו אויך דיא קינדער באזונדער · אונ זיינען
גאנגען אזו מיט גרויש ארדענונג · יעדער אבטיילונג מיט א באזונדער
אן אונ מיט באזונדערע מוזיקאנטען מיט הבדלות אין דיא הענט
מען איז גיגאנגען צו נעמען אפשייד פון דעם כהן גדול אונ אן צו
עמען זיין ברכה · אונ ווידער צו גראטולירין (ווינצעווען אים) דאס
יין זון נפתלי איז גיווארין גיזונד :

עור) נאך האט נאך קיין קיניג אונ קיין מושל גיהאט אזוא
איין היילינין אונ פריינדליכין בעזוך וויא דיזער גרויסער פרייסטער
פון דיזעם קליינעם פאלק · דיזער היילינער אלטער מאן · איז ארויש
צו זייא מיט זיינע ביידע זין אויף זיין גאלעריע · אונ האט זייא
אויף גינומען מיט דיא גרעסטע פריידין אונ צו פריידענהייט אין דר
וועלט · פריהער האט ער זייא גידאנקט פאר דיא גרויסע עהרע
וואס זייא טוען אים איצונד אן · אונ דער נאך האט ער אויף
גיהייבין זיינע ביידע הענד וויא צום דובענען · אונ האט זייא
גיבענצט מיט גרוים גיוויין וויא איין אלטער פאטער בענצט זיינע
קינדער ערב יום כפור פאר נאכט אדער פאר זיין טויט · עס ווארין
פון אים הונדערט טויזענדע מענטשין גיבענצט · אונ יעדערען הא ט
זיך גידוכט דאס ער נור שטייט אונטער זיינע הענד · אונ איינע
היילינע שטילקייט האט גיהערשט דיא גאנצע צייט וואס עס האט
נידויערט זיין זאגען (ברכה) דען יעדערער האט גיגלויבט צו הערין
אין זיינע רייד גאטעס ווערטער · גאט זאל געבין · האט דיזער
היילינער אלטער מאן אן גיהייבן · דאס דיזער פרידין · אונ דאס
דיזע איינינקייט (אחדות) וואס הערשט איצונד אונטער אייך זאל
עס דויערין אויף אימער אונ אייביג · דען וואו עס איז פרידין דארט
איז אויך הצלחה אונ ברכה · אונ אזו זאל גאט געבין דאס אייער
הארץ זאל בלייבין אזו צו גיווענדעט צו גאט אונ צו זיין תורה וויא
היינט · אונ זאלט האלטין טרייא אייער פערשפרעכען וואס איר
האט אין דעם געסטערין טאג פאר אייאר הונדערט פאר שפראכין
אייער גאט בייא דעם בארג סיני נעשה ונשמע נון זאל איך גיט

פעלין

פעלין קיין רעגין · עס זאל קיין קראנקהייט אריין טרעטין אין אייער לאנד · קיין שונא זאל אייך ניט בעאונרוהיגין · גאט זאל אייך פערמעהרין · אייך אונ אייערע הערדין (שטאדעס) · אונ איר זאלט זעהען נחת אונ פריידין פון אייערע קינדער · אונ דער כבוד פון גאט זאל קיין מאל ניט וייכין פון אייער מיטין לדור דורים אמן :

אונ איין דונער פון אמן איז ארויש פון דעם פאלקס מויל · אונ זיינען זיך אוועק לשלום יעדער אויף זיין ארט מיט דעם וואונש אין הערצין דאש דיזער גרייז זאל זוכה זיין זייא צוא בענצין אויך אויף איבר איאר · דען ער וואר זיי זייער ליב אונ טייער · דאש יעדערער וואלט אים וואש גישיינקט פון זיינע יארין אום נור זיינע צוא פארלייגערין :

ויהי ממחרת) אונ עס וואר אויף מארגין אלס דער עולם איז זיך פון איינאנדער גיפארין · אונ אין דער שטאט שילה וואש דארט וואר דער משכן איז שטיל גיווארין · איז גיגאנגען אליעזר מיט זיין ברודער נפתלי זיך בוקין פאר דעם ארון אונ דאנקין גאט וואש ער איז גיזונט גיווארין · אונ דער נאך ארויש גייענדיק פון משכן · האט זיך אליעזר אפ גירופין צוא זיין ברודער נפתלי · נון איז איצונד דיא רעכטע צייט דאש מיר זאלין באזוכין אונזערע אלטע שפאציר ערטער · אונ זיינען זיך אוועק אין א שטילע ווייטע פעלד אונטער איינעם אלטין פייגענבוים וואש איז נאך גיפלאנצט פון דיא כנענימס צייטין אן לעבין א שטראם · אונ אלס זייא האבין זיך דארט אנידער גיזעצט האט זיך דער אליעזר ווייטער אפ ג׳ רופין צוא דעם נפתלי · עס פרייט מיך הערצליך מיין ליבער ברודער דאש דוא ביזט לויב גאט גיזונד גיווארין · כל זמן דוא ביזט גיוועזן קראנק וואר מיר דיא וועלט פינצטער · אונ דאש לעבין ניט ליב · אונ דאך מיין טייערער ברודער כוז איך דיר דיא וואהרהייט באקענען · דען עס וואר דאך קיין מאל קיינע גיהיימניסע צווישין אונז ביידין · דען מיר זיינען דאך נור איין זייל אין צווייא קערפער · נון כוז איך דיר צוא מיינער שאנדע זאגין דאש גראד

אין



אין דיזער טרויעריגע צייט וואש וואר מיר אזו לייד אום דיך האט ...יך אין מיינעם הערצין אריין גשליכען (אריין גינגבעט) איינע ...יבשאפט צו איין גיוויסעם מיידכען וואס מען רופט איר רחל דיא ...אכטער פון דעם פרומען עובדיהו · איך האב איר ביז יענעם טאג ...ט גיזעהען אונ ניט גיהערט פון איר · דען דוא ווייסט דאך דאס ...ונזערע הערצער ווארען ביז אהער פערשוינט פון דיזער תאוה · ...יר האבין קיין מאל אויף קיין מיידכען גיקוקט · נון וואר מיין ...ארץ גירירט אונ פארוואונדעט פון איהרע שוינהייט · גראד אין ...ער מינוט וואס איך וואר פול מיט קומער אונ טרויער וועגין דיינר ...ראנקהייט · דען קוים האב איך אין דיזעם יום טוב גיענדעט ...יין גיבעט פאר דיך · מיינע אויגין ווארין נאך פול טרערין · אונ ...ינע ליפען האבין זיך נאך בעוועגט דורך דיא לעצטע ווערטער ...ן מיינער פייערינען גיבעט · איז דיזע גיקומען מיר אנטקעגין בייא ...ין ארויש גיין פון גאטעס הויז · אונ האט מיר איבער גיגעבין ...וייא טויבין מיט איין לאס אונ האט מיך גיבעטין דאש איך זאל ...ס אין איר נאמן מקריב זיין אונ דער בייא בעטין פר דיא גיזונדהייט ...ן איין גיוויסין יונגין מאן וואש האט גירעטירט איר יונגעם לעבין · ...ך שווערע דיר ליבער ברודער · דאס דאש איז דעם ערסטין ...ל אין מיין לעבין דאש איך זאל ליבען נאך איינעם לבד דיך ...: מיין פאטער · דען נאך האב איך אין מיינעם לעבין ניט גיזעהען ...ן פיל שוינהייט · גיהייבענהייט · אונ ענוות אויף איין מאל אין ...ן פארשון · איר שפראך וואר איינע געטליכע מוזיק · שענער ...מען שוין ניט ריידין דארט אין דיא הויכע הימלען · אונ אום ...דיגער פאר איר קענען ניט אויש זעהען דיא איינגעלען פון ...ט · נון מיין ליבער ברודער איך האב איר גיזעהען אונ האב ...ד פאר שטאנען דיא ווערטער "כי עזה במות אהבה" דאש ...ט דאש דיא ליבשאפט איז אזו מעכטיג וויא דער טויט · דען ...ן מענטש קען זיך פון זייא ביידין ניט אויש קויפין · נון מיין ...ערער ברודער פאר צייהע מיר פאר דיזען רויב וואש איך בין

באגאנגען

באנאנגען גענין דיך צו טיילין מיין הערץ צוא נאך אמענטשין לבר
דיך • איך ערציילע עם דיר ערסטינס ווייל איך וויל פאר דיר קיי
גיהיימנים האבין • צווייטינס וויים איך דאש איך האב מיך דורך
דיזע נייע ליבשאפט פאר זינדיגט אנטקעגין און זערע אלטע ליבשאפ
דאש הייסט געגין דיך • דאהער בעט איך דיך דאש דוא זאלשט
עם מיר פאר צייהען • דען איך שווערע דיר דאש איך האב די
דער ווייליע אזו ליב וויא פריהער • און וועל דיך אזו ליבען ב
מיין לעצטין אטעם צוג • דאך פאר דריסט עם מיר זייער און בי
העכסט אום צוא פרידין מיט דיזער נייע ליבע • דען פון יענער
מינוט אן איז מיר דיא מנוחה פון מיינעם הערצין אנטלאפין • אי
בין אום רוהיג און אום צוא פרידין • איך וואלט איר וועלין זעהע
הערין • נאך גיין איר וויא איר שאטין • און ווען עם איז מעגל
זיא פר אווייב נעמען • און ווען איך וועל עם דאקאזין בין איך דע
גליקליכסטער מענטש אין דער וועלט • און בפרט דאש מיר מו
דאך שוין חתונה האבין • דען נדב ואביהוא וואש ווארין אויך יונ
פרייסטער וויא מיר זיינען דאך נור גישטארבין דורך דעם וו
זייא האבין קיינע ווייבער גינומען • נון מיין טייער ברודער •
איז מיר לייכטער אויף מיינעם הערצין • דען איך האב מיך אויש
גירעט פאר דיך • און האף צוא הערין פון דיר איין גוטין ראט
דען אום איינען שידוך אויש צוא פירין מוז מען איין דריטין ניצע
וככלותו לדבר) און וויא ער האט אויך גיהערט צוא ריידי
האט ער פאר דעקט מיט זיין עק קלייד זיין אן געזיכט און הא
זיך זייער פון איינאנדער גיוויינט „דאך אבער ליבער ברודער" הא
זיך דער נפתלי צוא אים אפ גירופין • דוא האשט דאך מיט דיינע
ליבשאפט קיין זינד באנאנגען • ניט אנטקעגין גאט און ניט אנטקעג
מיר • אנטקעגין גאט ניט • דען ער איז דאך דער מייסטער פ
דעם מענטשינס הערץ • נון איז דער געפיל פון ליבע וואש מי
האבין אויך פון אים אזו האשט דוא מענטשליך געפילט • יעק
אבינו האט אויך גיליבט דיא רחל בעפאר זיא וואר נאך זיין כל
און



און האט זיא דאהער פאר אווייב גינומען • אויך אנטקעגין מיך
האשטו אויך ניט פר בראכין • דען דער פסוק זאגט דאך דאש דער
מענטש גיהערט צוא פאר לאזין פאטער און מוטער און אן צוא
שליסען זיך אן זיינער פרויא • פשיטא שוין דאש מען גיהערט צו
פערלאזין א ברודער און נעמען אווייב • און דאש וואש דוא זאגסט
מען גיהערט צו האבין דער צו איין דריטין • דער צוא קען איך
דיר זעלבסט דינען • איך וועל זעלבסט גיין צוא דעם עובדיהו און
וועל בעטין זיין טאכטער פאר דיר • דען מיט וואס בעסערס אין
דער וועלט קען איך דיר ליבער ברודער דינען ווען ניט מיט דאס •
און ווער נאך אין דער וועלט קען עם דיר בעסער אויש פיהרין אלס
איך • דען דער עובדיהו וועט זיך גיפינען געעהרט אזוא פון דעם
חתן און אזו פון דעם שדכן • דען ניט פערגעס דאס מיר זיינען
דיא קינדער פון צדוק הכהן דיא גרעסטע לייט פון דער מדינה •
און ווייל דיין מנוחה איז מיר זייער טייער וויל איך עם שוין טאן :
האחת אה יקר) „א מיין טייערער ברודער האט זיך אליעזר צו
אים אפ גירופין, איך האב גאר ניט אזו פיל ווערטער און רייד
אין מיין מויל דאס איך זאל דיר קענען גינוג דאנקען פאר דיין
נעטליכין טראכט און פאר דיין ראט • דען אזו אזאך לאזט זיך ניט
מיט ווערטער. אליין באצאלין • דוא מוזט דער פאר פון מיר אויך
מיט וואס גוטעס און דאס גלייכין געדינקט זיין • „און דאש וועט דיר
אויך ניט פעלין, האט אים נפתלי גיענטפערט • דען דוא זאלסט וויסין
דאס איך בין אויך וויא דוא גיטראפין גיווארין מיט דעם פייל פון
ליבע • איך האב דיר אויך דאס גלייכין צו דער ציילין וואס דוא
האסט מיר דער ציילט • דוא ביזט מיר מיט דיין ליבעס גישיכטע
נור מיט איינינע מינוטין צו פאר גיקומען • דען אין דער זעלבינע
מינוט וואש איך האב דיר גיוואלט דער ציילין וואס מיט מיר האט
זיך גיטראפין האסט, דוא אן גיהייבין צוא דער ציילין דיינע
בעגעבענהייט • נון זייא זע וויסין דאס איך האב ניט ווייניגער צו
טרויען צוא דיר וויא דוא צוא מיר ! נון דער צייל איך דיר גאנץ
פרייא

פרייא · דאס בשעת איך האב זיך נאך געזעגנט נאך דעם יונגן הירש אונ האב מיך פעראירט אין דער וויסטע · האב איך אן גיטראפין איין מיידכען ליגנט אויף דער ערד גאנץ פערשמאכט פון דורסט · דא האב איך איר אוועק גיגעבין דיא לעצטע ביסיל מילך וואש איך האב גיהאט מיט זיך אין מיין לאגיל אונ האב איר דער מיט ערקוויקט · אונ פון יענער מינוט אן בין איך גיווארין שטערבליך פאר ליבט אין איר · אירע העלע בליקין האבין דורך גיבויערט מיין הערץ · אונ איר שיינעס גישטאלט וואר איינגעדריקט אין מיינע גידאנקען · וואו איך שטייא וואו איך גייא נור · שטייט מיר איר בילד אנטקעגין · אזוי וואכענד אונ אזוי שלאפענד · נון בין איך אזוי וויא דוא פון יענער צייט העכסט אונרוהיג · דאך ביזטו פיל גליקליכער אלס איך · דען דוא צום ווייניגסטענס ווייסטו דאך ווער זיא איז · וויא מען רופט איר וויא מען רופט איר פאטער · מיינע אבער איז מיר גאנץ אונבעקאנט · איך האב נור פון איר איר שלייער · אלס איין אנדיינקען פון מיין פאר שוואונדענען גליק · א איך מעכטע זיא וויסין וועמעס טאכטער זיא איז וויא מען רופט זיא · דאן א ברודער · דאן וואלסטו מיר מיט דער זעלביגע מינצין צאלין קענען · מיט וועלכע איך צאל דיר · דאך אבער דער ווייליע לאז מיך אויף זוכין דיין באסערטע · דער נאך וועלין מיר ביידע בעטין גאט דאס ער זאל מיר דיא מייניגע אויך צו שיקין דורך דיין האנד · דאן וועלין מיר גינוג זיין געלוינט איינער פון דעם אנדערין · אונ אונזער פאטער וועט דער לעבין צוא זעהען וואס ער האט שוין לאנג גיוואונצין · דאש מיר זאלין זיך פערליבין אונ חתונה האבין :

הוי הכרעתני אחי) „אוי מיין ליבער טייערער ברודער האט זיך אפ גירופין דער אליעזר, דוא האסט זיך מיט דיין גישיכטע ביז צו דער ערד גיבייגט · אוי וויא קען מיר איין גיין מיין גליק כל זמן איך ווייס דאש דוא ביזט נאך ניט גליקליך · פעלט דיר מיין ברודר דיין גיליבטע פעלט דיר אלעס · ניין מיין ברודער · אלעס אין דר וועלט לאזט זיך פאר געלט קויפין אונ פאר קויפין · דיא ליבע

אבער



אבער לאזט זיך ניט פערסאחערין אונ בפרט נאך דיא ערסטע ליבע וויא אונזער געטליכער שפריכווארט זאגט ,ווען אמענטש זאל וועלין דיא ליבשאפט קויפין פאר דעם גאנצין פערמעגין פון זיין הויז וועט מען אים אויך אויס לאכין · נון מוזין מיר גאט בעטין דאס ער זאל דיר לאזין דיין גיליבטע טרעפין · אונ זאל זיך אליין אריין מישין דארינען

עודם מדברים) אין דעם וויא זייא ריידין דא אזוא איזט אן גיקומען דער פאטער דארויף וואס ער איז גיגאנגען זעהען וואש מאכט זארט זיין נפתלי וואש איז אקארסט גיזונד גיווארין · קוים האבין זייא אים דער זעהן · זיינען זייא אים גילאפין אנטקעגין · אונ האבין צוא גלייך דעם פאטער דער ציילט זייערע ליבענס בעגעבענהייטין וואש דאש האט אים זייער גיפרייט „גאט זייא דאנק, האט ער זיך אפ גירופין · דאש ער האט אייערע הערצער בערירט מיט דער ליבעס פלאמע · אונ האט אייך ביידין צוא גלייך אן גיוויזען אייערע באשערטע · נון האב איך שוין אלטער פאטער דאש רעכט צוא האפין דאש איך וועל דער לעבין צוא זעהען פון אייך איינינקלאך · דען איך בין אלט אונ האב נאך דער ווייליע גאנץ ווייניג נחת גיהאט פון אייך ביידין · איין אלטער מוז שטארבין · איין יונגער קען שטארבין · נון וויא ווייט ווארסט דוא מיין נפתלי פון טויט · נון וואלסט דוא גישטארבין אן קינדער · הייסט עס וויא ניט גיבארין אויף דער וועלט · נון מיין טייערער נפתלי · ווארט אפ עטליכע טעג ביז וואנען דוא וועסט ווערין קרעפטיגער · אונ דאן זאלסט דוא גיין אין מיין נאמען צוא דעם עובדיהו רהלם פאטער אונ זאלסט בייא אים אויש בעטין זיין טאכטער פאר אווייב צוא דיין עלטערין ברודער אליעזר · ער וועט זיא דיר גיוויס געבין · ברייט דיר אן דער צוא איין אייזעל צום רייטין · נעם מיט זיך צווייא מאס גערסטין מעל · ראזינקעס · פייגען · טייטלען אלס גישיינק פאר דעם עובדיהו · קומענדיק אהין זאלסט דוא אים גירוסין אין מיין נאמען · אונ דאן ווען דאש מיידכען וועט איינוויליגען אין דעם זאלסט דוא איר באשיינקען מיט איין גאלדענעם נאזבאנד אונ

מיט

מיט דיא טייערע רינגען וואש עס איז געבליבן פון אייער מוטער ·
אונ זאלשט איר ברייננען צו מיר אין הויז אונ זיא וועט זיין אוייב
צוא דיין ברודער אליעזר :

דברי הזקן) דיא רייד פון דיזען אלטין מאן האט בעזענפטיגט
דיא געמיטהער פון ביידע קינדער אזו וייט · דאש דיא ליבשאפטין
זייערע וואש האט אויש געזעהען ביא זייא ביידין פריהער פאר
איינע זינדע אונ פאר איין אומגליק · האבין זייא שוין איצונד
באטראכט פאר איינע געטליכע פיגונג (טרעפונג) · אונ נפתלי
האט זיך אן גיהייבין צוא צו קלייבין אין וועג · אונ האט קוים
דער לעבט דיא מינוט דאש ער זאל שוין פארין · ער איז ארויש
פון דער היים אין דער פריא אונ איז גיקומען קיין לוז געגין אווינד ·
דען עס וואר מער ניט וויא איין טאג רייז · דיא וועג איז גיגאנגען
איבער זייער הויכע בערג צווישין גרוישע פעלזען · אונ איבער
איינע זאמד ווישטעניא · דאך אבער וואר אים דיא רייזע ניט צו
שווער דאש ער האט עס גאר באטראכטעט פאר איין שפאציר ·
קומענדיק קיין לוז וואר שוין רעכט נאכט · נון האט ער דארט
נאך גיפרעגט וואו דער עובדיהו וואונט · האט אן גיקלאפט אויף
דער טיר אונ איין גרייז גראער מאן איז אים ארויש אנטקעגין ·
אונ האט אים גיפרעגט וואש ער ברויכט · אונ האט אים באלד
אריין גיבעטין צוא זיך אין שטוב · אונ האט פון אים פאר לאנגט
דאש ער זאל ביא אים נעכטיגין · נון האט זיך דיזער נפתלי
גיבוקט אונ האט אים גיענטפערט · גאט זייא דאנק וואש ער האט
מיך גיפירט אין דער רעכטער וועג · נון זייא ווישין דאש איך
הייס נפתלי איך בין גישיקט פון מיין פאטער דעם כהן גדול צדוק
אום צוא בעטין ביא דיר אין זיין נאמען דאש דוא זאלשט געבין
דיין בארימטע טאכטער רחל פאר זיין זון אליעזר פאר אוייב ·
דיזער זון איז דער עלטערער · אונ צוא אים גיהערט דער נאך דער
זכות צוא זיין איין כהן גדול נאך אונזער פאטערס טויט · אונ איז
דער צוא אויך זייער רייך · דען ער האט אגרויסע ירושה פון דער

מוטערס



מוטערס זייט · נון ווען דיר אונ דיינער טאכטער גיפעלט עס
דא האב איך גיבראכט פאר איר טייערע גישאנקע "פילייכט ביזט
דוא דיך טועה, האט אים דער עובדיהו גיפרעגט · איך הייס
צוואר יוא עובדיהו אבער איך בין אליין איין הירט נור אונ
מיינע טאכטער איז אויך איינע הירטען · אונ בין אזו דער לעצטער
אונ דער ,קלענסטער פון דעם שבט בנימין · נון וויא קען עס
גימאלט זיין דאש אונזער סגן הכהנים אליעזר · דער שטאלץ פון
אונזער לאנד זאל איר פאר לאנגען פאר אוייב · געווים איז עש
איין טעות "ניין מיין ליבער עובדיהו, האט אים דער נפתלי
גיענטפערט · ניין עס איז גאר קיין טעות · מיין פאטער מיינט נור
דיך אונ דיך · דען ביא מיין פאטער זיינען אלע פרומע אונ גוטע
אידין גלייך · דען מיר זיינען אלע גרייכע מיוחסים אברהמס
איניקלאך · אונ יחוס עצמו איז ביא אים איין הויפט זאך · אונ
קיין געלט דארף ער ניט דען ער האט אונ וועט האבין פון וואנען
צוא לעבין · אונ ער פאר לאנגט דיין טאכטער נור דער פאר ווייל
זיא איז גיפעלין זיינעם זון · אונ מער ברויכט ער ניט נור זיין
זון גליקליך צוא מאכין :

ויהי כשמוע הזקן הדברים האלה) אונ עס וואר אלם דער
אלטער האט דער הערט דיזע דבורים · - האט ער אויף גיהייבין
דיא הענט צוא גאט אונ האט אים גילויבט אונ גידאנקט דאש ער
האט אים צו גישיקט אחתן פאר זיין טאכטער ניט נאך זיין שטאנד
אונ ניט נאך זיינע מעשים · אונ האט אריין גיפירט זיין גרויסין
גאסט צוא זיך אין צימער · האט אים אנידער גיזעצט אויף איין
פעלענעם מאטראץ · האט אים דער לאנגט וויין אונ פרוכט ·
אונ האט אים דער צוא גיענטפערט · ליבער הער איך האב פאר
גיווים ניט וואש איין צוא ווענדין דער ביא · איך גיב איר אוועק
צוא אים מיט ביידע הענד · דאך מוזט דוא ווארטין ביז מיין
טאכטער רחל וועט קומען מיט דער הערדע שאף פון פעלד ·
דען זיא איז איינע הירטין ווייל איך האב קיין זין · אונ זיא וועט

ערסט

ערסט קומען מארגין פאר נאכט · דען מיין ווידע פלאץ איז פון היר איינע שטונדין וויים · נון קומט איר אויש צוא קומען מיט דר הערדע אהיים איין מאל אין צוייא טעג · דר ווילע רוהע דיך אויש אין מיין אויבער צימער · אונ בעפאר דוא וועסט זיך לייגין שלאפין וועט שוין זיין אויש גיבראטין איין יונגע ציגעלע · אונ האט אים אזו באלד ארויף גיפירט אין זיין צימער · אונ איז אליין גיגאנגען צוא פאר פארטיגין אים דאש אבענד ברויט · מיט גרויש פרייד :

ויהי) אונ עס וואר אלס ער איז גיבליבין אליין אין דיזעם קליינעם צימער בייא איינער ליכטיגען לאמפע · האט ער אן גיהייבין צוא באטראכטין יעדער זאך באזונדער וואש דארט איז · אונ האט דער פון זייער לייכט פאר שטאנען דאש דיזער צימער איז עס דער שלאף צימער פון דער שיינע רחל · דען ער האט דארט לבד דיא שיינע בעטצייג · אונ דיא ריינטליכע ווייסצייג · דער וויסט דארט אויך איינע פראסנעצע אונ איין וועבערשטול (איין ווארשטאדט צום וועבען) · אונ אזו אויך אלער האנד צווירען (פעדעם) צום נייען אונ האפטין "גוט, האט ער בייא זיך גיטראכט וויא איך זעהע איין וועט מיין ברודר האבן אפרויא אגרויסע ווירטין · אגרויסע צוכט · אונ דאש פרייט מיך זייער · אונ אין דעם וויא ער באטראכטעט דא אזו איהרע קינצליכע האנט ארבייט · האט ער עפעס אן גימערקט איהרען אנייעם שלייער וואש איז נאך פון דעם ווארשטאדט נים אראפ · האט דיא זעלביגע פארבע אונ דעם זעלבינין קאלאר אונ דעם זעלביגען דעסען וואש מען האט דער וויסט בייא אים אין האנד אלס מען האט אים דער וויסט אין אונמאכט · אונ דאש האט אים אצוף גיטאן אין הערצין נים וויסענדיק נאך וואש דאש זאל באדייטין · ער האט דיזען שלייער נאך אמאל באטראכט · אונ האט אן גיהייבין איבער דעם זייער טיף נאך צוא דיינקען · אין דעם וויא ער זיצט דא אזו פאר טראכט האט ער דער הערט פלעצליך דאש בלעקין פון שעפשין ·

נון



נון האט ער שוין פאר שטאנען דאש דיא רחל איז גיוויס שוין אויך פון פעלד גיקומען · אונ איז גיווארין דער פון עפעס אזו וויא האלב צוא שראקין אונ האלב ערפרייט · אונ האט זיך נים גיוואגט ארויש צוא גיין אום צוא זעהען איר · דען עס וואר אים צוא מוט אזו וויא יענעם וואס דארף עפענען איין פר זיגעלטען בריף · וואס איין איינציגער בליק אין אים · קען אים ענטפער העכסט ערפרייען אדער העכסט אונרוהיגען :

ויהי בעודנו) אונ עס וואר בעפאר ער איז מיט זיך מושוה גיווארין צוא זאל ער ארויש גיין צוא איר · צו גיין · איז דער ווייר ...ער אלטער עובדיהו ארין צוא אים אין דעם צימעריל פירענדיק ...יין טאכטער אונטער זיין ארעם · קוים האט איר דער נפתלי דער ...עהען האט ער אגישרייא גיטאן ,גרוישער גאט וואש זעהע איך" ...ען ער האט איר דער קאנט דאם דאש איז דיא זעלביגע מיידכען ...ואש ער האט עס איר גערעטירט פון טויט · אונ איז אין איר פאר ...יבט · איינע היבשע צייט איז ער גיבליבין שטיין שטארצאם · ...ען עס האט אים אפ גינומען דעם לשון אונ אלע חושים כמעט · ...ונ דער נאך אלס ער איז צוא זיך גיקומען · האט ער שוין דער ...יסט דאש זיין הערץ איז שוין ליידיג אונ לער פון זיין ברידערליכע ...יבע · אונ איר ארט האט איין גינומען גאר דיא ליבשאפט פון ...חל · אונ האט אויש גישטרעקט איינע אָרעמס אום ארום צוא ...מען איר אינ האלדזין · דאך באלד אבער האט זיך מתגבר גיוועזן ...בער אים דער פאר שטאנד אונ האט זיך מיט אלער מעגליכקייט ...א ריק גיצויגין אונ איז גיבליבין שטיין אויף זיין ארט וויא איין ...וארצילט · אונ האט איר באטראכטעט אזו איינע היפשע צייט ... וויטין · אונ זיא איז גישטאנען אים אנטקעגין מיט אראפ ...אזענע אויגין אונ מיט גרויש צניעות · שענער האט שוין נים ...ענט אויש זעהען אונזער ערסטע מוטער חוה וואש זיא וואר די ...סטע מייכטער ווערק גאטעס בשעת ער האט איר גיבראכט ...ם ערסטין מאל צוא אונזער ערסטין פאטער אדם הראשון · אונ וואלט:

RECOGNITION SCENE

וואלטין נאך גישטאנען אזו שטיל אונ פאר זונקען אין טיפע באטראכטונגען איינער דעם אנדערין ביז איצונד · דען בייא דיא פאר ליבטע הערט אויף דיא רעכענונג פון דער צייט · טעג זיינען בייא זייא מינוטין · מאנאטין זינד שטונדען · אונ יארין זינד נור טעג · אונ פילייכט נאך קירצער · נון וואלטין זייא זיך אן גיקוקט פאר גיוויס ביז דיזעם טאג אונ וואלטין איין ווארט ניט גירעט · ווען ניט דער אלטער עובדיהו וואלט ניט אן הייבין צוא שפרעכין ,מיינע ליבע איינציגע טאכטער. האט ער זיך צוא איר אפ גירופין · דאנקע אונ לויבע דעם באשעפער אונ פאר שרייב דיזען טאג פאר דעם גליקליכסטין פון דיין לעבין · דען דיזער יונגער מאן וואש שטייט דיר דא אנטקעגין · איז עס דער סגן הכהנים נפתלי · דער זון פון דעם כהן גדול · ער איז צוא מיר גיקומען אין דעם נאמען פון זיין הייליגין פאטער אום אויש צוא בעטין דיך בייא מיר דאש איך זאל דיך אפ געבין פאר אפרויא צוא זיין עלטערין זון אליעזר וואש וועט מיט דער צייט אויך זיין איין כהן גדול · אין מיינעם לעבין האבין מיר אזו איין גליק ניט פאר גישטעלט אונז · מיר זיינען דאך נור ארעמע הירטען · אונ דער צוא נאך פון איינער גאנץ קליינער פאמיליע · נון איז עס נור איין רצון אלהים · דאהער מיין קינד נעם אבשייד פון דער גאנצער משפחה אונ מאך דיך פארטיג צוא דער רייזע · אונ נעם אויף דיזין הייליגין נאכט וויא דיינעם אברודער :

אך דברי אביה היו לה אך לרועץ) דאך אבער דיזע רייד פון איר פאטער וואר איר נור הוילע שטעך ווערטער · זיא האט ניט גיקענט אויש הערין זיין גאנצין גישפרעך · דען זיא איז גיווארין בלייך וויא קאלך אונ איז גיפאלין אין אונמאכט · נון וואר דער נפתלי אונ דער פאטער זייער צוא שראקין וועגין דעם · דען זייא ביידע האבין דער ווייל ניט גיקענט פאר שטיין ווארום דיזע בשורה טובה זאל איר אזו וויט ערשיטערין · זייא האבין איר אן גיהייבין צוא מינטערין · אונ האבין איר אפ גיצוכעט · אונ אז

זיא



זיא איז צוא זיך גיקומען · אונ האט שוין גיקענט זיצין אויף איר בעט · האבין זייא אן גיהייבין אויש צו פרעגין בייא איר ווארום האט איר דיזע בשורה טובה אזו צו מישט „ניין מיין ליבער פאטער, האט זיא אים גיענטפערט גראדע אומגיקערט · דיזער אונמאכט (הקשות) איז מיר ניט גיקומען פון פערדרוס נור אויס צו פיל פריידין · דען וויא איינע פלעצליכע בשורה רעה קען אמענטשין טייטין אזו קען עס ווידער פערקערט אויך אפלוצליכע בשורה טובה טאן · דען פיל עהרע אונ פיל גדולה איז פר אזו איין ארעמעם מיידכען וויא איך בין צו ווערין אווייב בייא זויא איין גרויסען מאן · אונ האסט עס מיר אזו אונגעריכטערהייט אן גיזאגט · צווייטינס האב איך זייער פיל גיליטין אין דיזעם טאג פון דיא היץ אונ פאר גייא כמעט פון דורסט · איינע מיט דאס אנדערע האט אויף מיך זייער שטארק גיווירקט · נון איזט עס שוין קיין וואונדער דאס איך בין אונטאכט גיבליבין · קוים האט דער יונגער מאן נפתלי דער הערט דאס זיא איז דורסטיג האט ער דער לאנגט מיט זיין אייגענער האנד איין קריגיל ריינעם אונ פרישעם וואסער · זיא האט אבער דער פון גאנץ ווייניג גיטרונקען דען דיא וואהרע סבה פון איר אונמאכט וואר נור דאס זיא האט דעם נפתלי דער קאנט דאס ער וואר עס דער יונגער מאן וואס האט איר גירעטירט פון טויט · אונ וואס זיא האט זיך דאן אין אים שטערבליך פערליבט · אונ אזוא האבין זייא זיך איינער דעם אנדערין פערשטאנען ניט ריידענדיק אווארט · דען די ליבשאפט שפרעכט מיט ש:ומע בליקין · אונ מיט שטילע מינעם · „ניין ליבער פאטער האט זיא זיך אפ גירופין · ניין איך קען יעצט מער ניט טרינקען, איך ווינשע דיזע בשורה צוא הערין פון דיזעם יונגען מענטשינס מונד אליין דען מיר גלויבט זיך גאר ניט · דאס נפתלי וועלבסט זאל קומן אהער אום צו בעטן מיך נור פאר זיינע אשוועגערין ·

כהצים שנונים) גוויא שארפע פיילין האבין איהרע. דיזע עטליכע ווערטער איין גידרונגען אין זיינעם הערצין · ער איזט גיבליבין שטיין גאנץ צו מישט אונ פערשעמט · דען ער האט פיר

בעסער

בעסער אלס איר אלטער פאטר פערשטאנען וואו היין דיזע ווערטער, נור פאר איינע שוועגעריין, צילען · אונ מיט גרויס ווידער ווילען האט ער אויף גימאכט זיין מונד אונ האט איר גיענטפערט וויא איין גיצוואונגענער · יוא מיינע טייערע אונד וווירדיגע רחל · עס איזט זויא · מיין ברודער אליעזר האט דיך גיזעהען · אונ האט זיך אין דיר פיירליבט · נון האט ער מיך גישיקט צו דיינעם פאטער אוים צו בעטין דיך פון אים פאר אווייב · אונ וויל איך ליב מיינעם ברודר מעהר אלס זיך · האב איך אליין זיך אוים גיבעטן ביא מיינעם היילגין פאטער דאס ער זאל מיך מאכין פאר אשליח אין דיזער גליקליכע זאך · דען פאר מיר איז ניט דא גליקליכער אין דער וועלט אלס וויא צוא פאר שאפין מיינעם ברודער זיינעם וואונש :

והעלמה) אונ דיזעס מיידכען וואש זיא האט גוט פאר שטאנען דאש דער נפתלי וואש איז אין איר אזו שטערבליך פארליבט וויא זיא אין אים · האט זיך אויך נעבעך גיצוואונגען צוא ענטפערין אויף זיין פאלשין פארלאנג · איין פאלשין יוא · אונ דער נפתלי האט נאך גיהאט דער ביא איין היילגין פאר געניגין דאש ער האט ממלא גיוועזן דעם רצון פון זיין ברודער מיט גרויש נסיון · אונ האט איר גיבעטין דאש זיא זאל זיך מאכין פארטיג צוא דער רייזע · ניין מיין היילגער נפתלי האט זיא אים גיענטפערט · דאש מוז נאך גידויערין אפאר טעג ביז איך וועל נעמען אפשייד פון אלע מיינע באקאנטע אונ קרובים · אונ זעלבסט פון מיינער הערדע (שטאדע) אונ פון אלע בערג אונ טאלין וואו איך האב מיינע יונגע קינדעשע יארין פאר בראכט · דען זייא זיינען מיר אלע טייער אונ ליב „אונ דאש זאל עס דיר ערלויבט זיין" האט ער איר גיענטפערט · דען מיין הערץ פאר שטייט אויך צוא שעצין אונ צו ליבין דיא ערטער וואו איך האב מיינע קינדערשע יארין צו גיבראכט · אונ וואש איך האב נור איין מאל אן גיהייבין צוא ליבין איז איין גיבאקין אין מיינעם הערצין גיבליבין :

כל הלילה) דיא גאנצע נאכט האט זיך דער עובדיהו זייער





גיפרייט דאס ער האט זוכה גיוועזן צוא אזוא אגרויסין שידוך · דיא טאכטער אבער אונ אזו אויך דער נפתלי האבין צו גיבראכט דיא גאנצע נאכט אין וויינען אונ האבין אין קיין אויג צוא גימאכט ביז גרויסין טאג · אונ דאן איז דיא רחל אויף גישטאנען מיט רויטע אויגין אונ מיט איין בלייכעם געזיכט · מיט איין גיקריינקטעם הערצין אונ העכסט אויף גיבראכט אויף דעם נפתלי דאש ער פאר לייקינט זיינע ערסטע ליבע צוא איר אום נור צוא שיינען פאר דער וועלט דאש ער איז איין ריכטיגער מאן מיט דעם וואש ער האט פינקטליך אונ טרייא גיטאן דיא שליחות פון זיין ברודער אונ דאש הייסט באמת זייער פיל גיצאלט פאר דיא פאלשע עהרע · אונ אזו איז זיא זיך פאר קימערט אונ פאר טרויערט: אוועק צוא איר קליינע הערדע (שטאדע) וואש איין גידונגענער הירט האט זייא שוין אוועק גיפירט אויף דער ווייד · זיא איז אהין גיקומען אום צוא זעגענען זיך מיט זייא אונ מיט דיא פעלדער :

„איר אפ שיידס ליד פון דער הערדע אונ פעלדער.

*    *
*

לעבט וואול א איר פרידליכען פעלדער
לעבט וואול א איר גאנץ שטילע וועלדער .
וואש איר האט מיר טרייע אפ גיקלונגען
דיא לידער וואש איך האב דא גיזונגען .
אונ אזו לעבט מיר וואול בערג אונ היילין
וואש מען פלעגט מיר פון אייך וואונדער דער ציילין .
א ! איך מוז נון צוא מיינעם גרוישין ליידין
באלד אונ ניך פון אייך אלעם שיידין .
דען מין גיליבטער וואש איז איצונד דא פאראן
ווערט מיך אפ פירין צוא איין אום גיליבטין מאן .
א מעכטע איר קיין בלאט ניט מער פערלירען
איין פרישעם גרין זאל אייך אימער ציערן .

עס זאל איך קיין מאל פעלין טויא אונ רעגען
עס זייא אויף איך אימער נאטעס זעגען (ברכה)
אונ אזו אויך איר א מיינע טייערע הערדע
ווייזעט איך פרידליך אויף דיזער ערדע ·

וואש האט איך גינערט ביז אהער מיט דעם בעסטין פוטער
אונטער מיינער אויף זיכט וויא איינע הייסע מוטער ·
דען איך האב איך שטעטץ אויף מיינעם ארעם גיטראגין
האב איך קיין ריר גיטאן קיין מאל גישלאגין ·
איצונד אבער בלייבט איר נור עלינדע קינדער
אונטער דיא הענד פון אגרוישין שינדער ·
ער וועט איך גיוויס קיין מאל שוינען
וועט שלאכטען וועלכע עס וועט אים לוינען ·
דאהער רייסט מיר אויש מיין הערץ
דאש איך פאר גייא אויש טיפען שמערץ :
מיינע טרערין וועלין אימער גיסין
דאש דיא צייט וועט זייא ניט קענען וויסין ·
א! עס איז מיר ליבער נעבין איך צוא דערסטין
אלס דארט צוא טרינקען דעם ויין דעם בעסטין ·
אונ נעבין איך צוא ליידין קעלט אונ היץ
שטורעם רעגין דונער אונ בליץ ·
אלס צוא זיין אן איך מיט דעם אום גיליבטין אליין
אין דיא פאלאצין פון העלפאנד ביין :

---

ויהי ביום השלישי) אונ עס וואר אויף דעם דריטין טאג אלס רחל האט זיך שוין מיט אלעסען אפ גיזעגינט אונ גינוג זיך אויש גיוויינט האט עובדיהו גיזאטילט צוויא איזלען · איינעם פאר זיך · איינעם פאר דער טאכטער · אונ פאר איהרע גיפעק אונ האבין אפ גירייזט · דעת אייזיל פון רחל וואר זייער שיי

באפוצט



באפוצט · באהאנגען מיט איין טייערין דיוואן אונ אן גיטאן אין אשיינע צאם · אויף זיין קאפ וואר איין קראנץ פון זיידענע בלומען · דיא קאפיטעס באדעקט מיט זילבערנע בלעך · אויף דעם האלדז איז גיהאנגען איין גאלדענער אויבער · דען אזוא וואר דארט אין יענער צייט איין גיפירט דאס דר אייזיל וואס האט אויף זיך גיטראגין אכלה זאל זיין אזוא אויס גיפוצט · רחל אליין וואר גיקליידעט אין ווייסין אויס גיצירט מיט דיא מתנות וואס עס האט איר גישיקט דער חתן · אונ האט אויס גיזעהען - אזו שיין אונ אזוי שמעכטיג (פערקימערט) וויא איינע בליהענדע רויז וואש מען האט איר גענכטין ערכט אויס גיריסין פון גארטין · דען אין איר הערץ וואר וויא מיר ווייסין אגרויסער שמערץ אונ אום דיא וועג פיל קירצער צו מאכין · האט דער פאטער וואס וואר זייער באקאנט אין דיזע געגענדין אויס גיזוכט זייטיגע וועגעלעך אונ שטעגעלעך · וואס דורך דעם האבין זייא פערשפארט אפאר מייל וועגס אונ האבין אויס געמידין פיל בערג · דיא גאנצע רייזע וואר צוא גיבראכט זייער שטיל · נפתלי האט ניט גישפראכין מיט רחלי אונ אזו זיא מיט אים אויך ניט · זייא האבין גיט גירעט נור גיקוקט איינער אויף דעם אנדערין : אונ יעדר בליק אבער וואר מעהר אלס טויזנד ווערטער · עס האבין זייא פערשטאנען צו דייטין נור דיזע צווייא גיליבטע · פאר דעם עובדיהו אבער וארען זייא גאנץ אונוויכטיג אונ ריכטיג · אונ אזוא האבין זייא גירייזט ביז זייא זיינען גיקומען צו אזו אשטעלע וואס האט אין גאנצין ערשיטערט זייערע גימיטער · אונ דאס איז דער ארט פון זייער ערסטע ליבע דער ארט וואו נפתלי האט דער וויסט דיא רחל אין אונמאכט אונ האט זיא ערקוויקט מיט דימיך , א ליבר עובדיהו האט זיך נפתלי צוא אים אפ גירופין · קאמיר אונז דא אויס רוהען אין דעם שאטין פון דיא גרויסע פעלזין דען מיר זיינען מיד : אונ דאס וועלביגע האט אויך גיזאגט דיא רחלי אונ עובדיהו האט זיך דא אפ גישטעלט · אונ אלס זייא האבין זיך אנידער גיזעצט צווישין צווייא גרויסע פעלזין אונ האבין וואס גינאסין ; דא האט דער עובדיהו

וואס

וואס ער האט ערשט אן גימערקט דאס דיא ביידע זיינען עפעס
זייער טרויעריג אונ צו טראגין · האט ער אן גיהייבין צו מאכין מיט
זייא עפעס אנישפרעך דאמיט זייא זאלין ווערין אביסיל מונטער
(פרישער) · האט ער אפרעג גיטאן דעם נפתלי · וויא אזו איז עס
גישעהען אונ וואו · דאס דאס זיין ברודר אליעזר האט זיך פערליבט
אין זיין טאכטער „מיין ברודער האט איר גיזעהען" האט ער אים
גיענטפערט · דעם ערשטין מאל אין משכן אלם זיא האט צוא אים
איין קרבן גיבראכט אונ האט אים גיבעטין דאס ער זאל מתפלל זיין
פאר איר דאס גאט זאל איר פאר צייהען (מוחל זיין) פאר דעם וואס
זיא האט גורם גיוועזן דאס איינער זאל צו ליב איר פון דער וועלט
אוועק גיין אדער צום ווייניגסטין קראנק ווערדען · אונ צוא גלייך
אויך בעטין פאר זיין גיזונד באם ער לעבט נאך · „אונ ווער איזט
עס יענער" האט איר דער פאטער גיפרעגט דאכט מיר גאט
זייא דאנק דאס מיר וואלען אלע גיזונד אונ אין גאנצין · „ניין מיין
ליבער פאטער" האט זיא אים גיענטפערט · איך האב עס נור גמיינט
יענעם יונגין מאן דר וואס האט מיך דא אין דיזער שטעלע גירעטירט
פון דורשט · ער האט מיר דאן אוועק גיגעבין זיין לעצטע ביסעלע
מילך פון זיין לאגיל אונ איז דורך דעם אליין שיר פון דורשט
אומגיקומען אונ פילייכט גישטארבין · גידיינקסט דאס איך בין דאן
גיקומען צוא לייפין אהיים מיט אגרוים לארעם אונ האב עס דער
ציילט · האסט דוא גישיקט מיט מיר דעם יקתאל דעם אונטר הירט
מיט איין אייזיל אונ מיט איין לאגעל מילך אום צוא ערקוויקין אים
אונ אים צו ברייננגען צו אונז · מיר האבין אים שוין אבער דאן ניט
דער וויסט · נון האב איך גירעכינט פאר גיוויס דאס דיא ווילדע חיות
האבין אים גימוזט פערשלעפין ; אדער רייזענדע האבין אים צוא
גינומען אונ ער איז פאר גיוויס קראנק · נון עס זייא וויא עס זייא ·
דער ווייל האב איך גיהאלטין פאר איין גרויסע זינד דאס איך
וואר דיא אורזאכע פון זיין אומגליק · איצונד אבער גאט זייא דאנק
ווייס איך דאך דאס ער לעבט אונ איז דער צוא אויך גיזונד ; דען
דאס



דאס ביזט דוא עס נפתלי · איך האב דיר ביים דעם ערשטין אנבליק
דער קאנט ; אונ אזו ביזט דוא דאס יענער וואס דיא גאנצע שטאדט
שילה האט מתפלל גיוועזן פאר דיין גיזונד · דיזע ווערטער האט דעם
נפתלי זייער צו רירט · דען איצונד ווייס ער דאך שוין אויף קלאר
דאס זיא ווייס ווער ער איזט · דאך אבער האט ער זיך ביצייגט
דער ביים גאנץ רוהיג · אונ האבין אזו ווייטער גירייזט :

„דיא אנטלייפונג"

היום רד מאד) דער טאג איז שוין באלד אין גאנצין גיזונקען ·
הונדערטע הירטען ; אונ הירטינען האבין שוין זייערע פרידליכע
הערדען (שטאדעם) געפירט פון דער ווייטע אהיים צוריק אין דער
שטאט שילה · אטייל פון זייא האבין גישפילט אויף פייפין אונ
אטייל פון זייא האבין גיזונגען הייליגע לידער · אונ אבינד גיבעטע ·
אונ אלם נפתלי רחל אונ עובדיהו האבין דער זעהען דעם משכן
פון ווייטין האבין זייא זיך גיבוקט · אונ האבין מתפלל גיוועזן איין
תפלה קצרה דאש גאט זאל זיינע הייליגקייט מאכין רוהען אונטער
ישראל איטער אונ אייביג אמן · קומענדיק אין טויער פון שטאט
האבין זייא שוין דער וויסט ווארטענדיק אויף זייא דיא גאנצע
משפחה פון צדוק הכהן מיט מוזיקע · אין דיא גאסין פון שטאט
זיינען גישטאנען פון ביידע זייטין מיידכען אונ פרויען זייער שיין
גיקליידעט מיט פייקלאך אונ מיט גיטארעס אונ האבין גיזונגען
לידער לכבוד דיא כלה · אלע פענסטער ווארין באלוכטין · אונ
זיידענע טיכער האבין דורך זייא גיפלאטערט · אונ קומענדיק
אהיים איז זייא ארויש דער פאטער מיט אלע זקנים אנטקעגין ;
אונ דער צוא נאך דער חתן אליעזר · אונ האבין איר גיבענטשט
מיט דער ברכה וואש מיר בענטשין אכלה צוא באדעקינס „אחותינו
את היי לאלפי רבבה" ביי נאכט וואר גימאכט איינע גרויסע מאלצייט
פאר דיא גרעסטע לייט פון שטאט · עס ווארין אלע פרייליך ;
דיא עלטערין האבין גיהאפט צוא דער לעבין נחת פון זייערע
קינדער

קינדער · אונ אזו האט גידארפט זיין אליעזר אויך זייער לוסטיג אונ מונטער · דען ער באקומט דאך פאר אפרויא וועלכע ער ליבט · דאך וואר ער גאנץ צוא טראגין אונ האלב צוא מישט ווייל ער האט אן גימערקט אן זיינעם ברודער דאש ער איז העכסט פאר קימערט · אונ דאש זיין לאכין אונ לוסטיג זיין איז נור גיצוואונגען אונ גימאכט · אונ ווייל זיין ברודער וואר ביא אים מער אלס זיין איינענעם לעבין · האט ער שוין קוים דער לעבט דיא מינוט דאש ער זאל שוין קענען זיין מיט זיין ברודער אליין · אונ וואש איז נאך גיוויכער אלס דיא פאר לייפונג פון דער צייט · עס איז גיווארין דער זייגער צוועלף אונ דיא געסטע זיינען זיך פון איינאנדער גיגאנגען · רחל איז זיך גיגאנגען שלאפין מיט איר פאטער אין איין באזונדער צימער אונ אליעזר מיט זיין ברודער אין איין באזונדער צימער :

קוים ווארין זייא דארט אליין · האט זיך אפ גירופין אליעזר צוא נפתלי · ליבער ברודער · איך בין דער איינציגער וואש האט דיך היינטיגין אווינד זייער גוט פאר שטאנען דאש איין טיפער קומער צערט אין דיינעם הערצין · אונ דורך דעם וואר מיר מיין העכסטע פריידע גישטערט · אונ ווייל איך וויים דאש עס איז דיר קיין לייד גישעהען · דאהער גלויבע איך דאש דוא קימערסט זיך נור אום דיין גיליבטע וואש דוא ווייסט ניט ווער זיא איז · אונ מען קען איר באקומען · נון שווער איך דיר מיין ליבער ברודער ביא אונזערע היליגע אונ אייביגע ליבשאפט · דאש באלד נאך מיין חתונה וועל איך לאזין זיפין אונ זוכין גאנץ ארץ ישראל וויא זיא איז גרויש ביז איך וועל גיפינען דיין באסערטע · איך מיט דיין שוועגערין רחל וועלין מיר איר זעלבסט דיר צוא פירין אונ דאן ברודער וועלין מיר אונז אויף דיינער הויכצייט פיל מער פרייען אלס דוא אויף אונזערע · גיין טייערער ברודער · האט אים נפתלי גיענטפערט · ניין קיין מאל וועט זיך מיינע האפענונג אזו לייכט ערפילען וויא דיינע : דען איך וויים דאש מיין גיליבטע

וויא



וויא זיא איז מיר נאהענט בלייבט זיא מיר אייביג ווייט · אונ וויא יענע וועלט בלייבט פאר דעם לעבעדיגין מענטשין אימער פערינגעלט · אזו כוז בלייבין מיין מונד אימער אונ אייביג פאר זיגעלט · עס וואר צייטין וואש צווישין אונז איזויקיינע גיהיימניס גיועזין · איינער האט דעם אנדערין דאש הערץ אין זין אויש גילעזין · איצונד אבער בלייבין אין דער זאך מיינע ליפין צוא גימאכט ביז עס וועט מיך פאר שלינגען דיא אייביגע נאכט (דער טויט) · דאהער מיין ברודער הער אויף מיך צוא פארשטין אונ צוא פרעגין · דען ארויש צוא באקומען פון מיר דיזע גיהיימניס וועסט דוא קיין מאל פאר מעגין :

הדברים האלה) דיזע ווערטער האבין דעם אליעזר גימאכט זייער אום רוהיג · דאש ער האט אגאנצע נאכט ניט גישלאפין · אום זיכט וואר אים נפתלים טרייסטונג · אום זיכט אלע זיינע בערוהיגונג · ער איז גיווארין איין האלבער מענטש ביז עס איז גיווארין טאג · דען ביז אהער וויא מיר ווייסין וואר ער מיט דעם ברודער איין זייל נור אין צווייא קערפער · אונ דעם גידאנקען וואש איינער האט נור אן גיהייבין צוא דיינקען האט עס דער אנדערער גיקאנצעט · אונ איצונד זאל זייא איין גיהיימניס טיילין אונ שיידין · אונ אזו איז אוועק ביא זייא דיא נאכט אין פרעגין אונ אין אנטווארטין · אונ וויא עס איז גיווארין טאג האט מען אן גיהייבין שוין צוא שפילין · אונ דער עולם האט זיך אן גיהייבין צוא קלייבין צוא פירין דעם חתן אין דעם משכן אום מתפלל זיין מיט אים אין איינעם · אונ דער נאך ארויש גייענדיק פון דארט וועט אים יעדערער געבין איין גישיינק וואש מען וועט עס אנידער לייגין אויף איין טייערין דיואן וואש וועט זיין אויש גישפרייט ביא דעם טויער פון כשכן · נון איז אליעזר אויף גישטאנען · אונ אזו אויך נפתלי האבין זיך אויש גיפוצט אונ זיינען מיט דעם עולם גיגאנגען · דיא מוזיקע האבין גישפילט איין פייליכין מארש · אונ דיאביידע ברידער זיינען גיגאנגען מיט אן

גיש טאכענע

גישטאכענע חערצער · אונ האבין גימוזט צייגין איין פרייליכעס גיזיכט · קומענדיק אהיים איז אליעזר אוועק גיגאנגען אין דעם לוסט גארטין אונ האט זיך גילייגט צווישין גידיכטע בוימער אום זיך אויש צוא רוהען · דען ער האט דיא גאנצע נאכט ניט גישלאפין אונ וועט דא דיא אנדערע נאכט אויך ניט דארפין שלאפין דען עס וועט דאך זיין היינט בייא נאכט חופה · אונ אלס רחל האט גיזעהען דאש אליעזר איז אוועק גיגאנגען זיך שלאפין צוא לייגין · איז זיא צוא גיגאנגען צוא דעם נפתלי אונ האט אים גיזאגט · איך האב צוא ריידין מיט דיר איין זייער וויכטיגע זאך · נון לאמיר אריין גיין אין דעם לוסט גארטין וואש דארט איז קיינער דא · אונ דארט וועל איך דיר עס זאגין · דען זיא האט ניט גיוואוסט דאש אליעזר שלאפט גראדע דארט · אונ זיינען זיך אזו ביידע אריין אין גארטין אונ איין קליינער דינער איז זייא נאך גיגאנגען פון ווייטין · אונ דארט האבין זייא זיך אנידער גיזעצט ניט ווייט פון דעם ארט וואו אליעזר איז גילעגין לעבין איין פאנטאן · אונ דאן האט זיך אפ גירופין רחל צוא דעם נפתלי ארום קוקענדיג זיך פון אלע זייטין · העה צוא דוא מיין איניג געליבטער נפתלי מיר ווייסין דאך ביידע אויף קלאר דאש מיר זיינען איינער אין דעם אנדערין שטערבליך פאר ליבט · נון וויא עס האט זיך איצונד אבער אנדערש גימאכט צוא מיט דיין רצון אדער מיט גאטעס רצון דאש איך בין גיווארין נאר אווייב פון דיין ברודער איז דיר זייער לייכט איין צוא זעהען דאש מיר זיינען דורך דעם אלע דרייא העכסט אום גליקליך · אליעזר איז אום גליקליך ווייל איך ליב אים ניט · אונ דאהער איך אויך · דוא ביזט ווידער אום גליקליך ווייל דוא ליבסט מיך · נון וועסט דוא מיט דער צייט מוזין האסין דיין · אונ אזו איך אים · נון גאט ווייס צוא וואש דאש קאן אונז אלעמען דרייען בריינגען · דאהער קומט בייא מיר אויש ווען עס איז דיר ליב דאש לעבין אונ דיא עהרע פון אונז אלעמען דרייען · מוזט דוא וואש דוא האסט ניקענט אפפערען

פערשוועדען



(פערשוועדען) דיינע ליבע צו מיר צו ליב דיינע ליבע צו דיינעם ברודער · זאלסט דוא איצונד אפפערין דיא ליבע וואס דוא האסט צו דיינעם ברודער צו דיא ליבע וואס דוא האסט צו מיר אונ צוא דיר אונ אויך צו דיין אלטין · דאס דוא זאלסט אוועק פון דאנען אויף אייביג אונ אימער · דאש קיינער זאל ניט וויסין וואו דיין פוס אונ דיין געביין איז · דאן קען גימאלט זיין דאש איך זאל זיך אן דיר פאר געסין אונ זאל אן הייבין צוא ליבין דיין ברודער אליעזר וואש ער איז דיר ווירקליך ליבער אלס איך דיר · זאנסט האסט דוא נאך האלב ניטאן פאר אים · צוואר מיין הערץ בלוטעט אין מיר זאגענדיק דיר דאש · דאך עס קען אנדערש ניט זיין אונ אזו מוז עס גישעהען · איך וועל נאך דיר טרויערין אצייט · אבער דאך זאגט מען דאש דיא צייט טוט וואונדער · היילט אלע וואונדין אונ ווישט אלע טרערין אפ · צווייטינס פיל בעסער צוא שטארבין פון דורכט אין איינער וויסטנייא וואו קיין וואשער איז דא · אלס צו פאר גיין פון דורכט נעבין אקלארין ריינעם קאלטין קוואל וואסער ווייל עס איז נור פאר באטין · איך געבעטע דיר מיין געליבטער פליהע פון דאנען: זאנסט וועט דא גישעהען איין אומגליק נאך דעם אנדערין · אונ אזו ריידענדיק האט זיא זיך דער בייא זייער פון איינאנדער גיוויינט דאש איהרע טרערין האבין זיך צוא געמישט מיט דיא וואשער פון דעם פאנטאן:

צדקת) דוא האסט רעכט מיינע ליבע רחל האט איר נפתלי גיענטפערט דוא האסט רעכט · איך וועל דיר פאלגין: ווען עס איז מיר שוין איינג בייא מיינע עלטערין אין הויז · איך מוז עס טאן אום מיינע ליבע צוא דיר אונ אום מיינע ליבע צוא מיינעם ברודער · איך וועל עס נאך היינט טאן אונ פילייכט באלד · אדער ניין איך וועל ניט שטערין דער ווייל דיא חתונה · איך וועל איבער ווארטין נור דיזע נאכט · דאך מיט דיר שפרעך איך דעם לעצטין מאל · נון לעב אויש דיינע יארין מיט מיינעם ברודער גליקליך אונ פריידליך · איך ריים דיר אויש פון מיינעם הערצין

מיט

מיט ברוט אונ מיט איין שטיק פליש נאך דער צוא · נימאלס קיין מאל וועט זיך דיזע וואונדרע היילין ; קעב וואול מיין גיליבטע אונ פאר געס אן מיך ; הערצע מיך אין דיינעם מאן דען איך בין זיין צווילינגס ברודער :

וכן) אונ אזו היידענדיק האט ער צוא גיווארפין צוא איר איר שלייער וואש איז גיבליבין ביי אים דאן בשעת ער האט איר גידעטעט פון דורסט ; נעם עס צוא מיינע ליבע רחל · נעם עס צוא · דאש איז דיין שלייער · איך האב אים גיהאלטין אימער ביי מיר אלס איין היילינגין משכון פון דיינער ליבשאפט איך פלעג אים דרייא מאל אין טאג קושין ; אונ אן מיין בוזעם קוועטשין · נו נעם אים צוא · מיר זיינען שוין קווים איינער מיט דעם אנדערין · פאר מיר איז שוין קיין רחל מער אויף דער וועלט ניט דא · דאך כל זמן איך וועל נאך אויגין האבין ווער איך אום דיר וויינען · דוא אבער פאר געסע אן מיר · זעלפסט דיין קינד זאלסט דוא מיט מיינעם נאמען ניט אנאמען געבין · דען דיין גליק באשטייט אין דעם דאש דוא זאלסט מיך פאר געסין · איצונד אבער לאמיר אונז אום קערין צוריק אין שטוב אונ לאמיר אונז נאר ניט מאכין וויסענדיק פון קיין זאך · דוא מאך זיך פריילך אונ איך אויך דאש גלייכין אונ אדיע :

כל דבריהם אלה) דיזע אלע רייד זייערע אבער האט עס גיהערט אליעזר ליגענדיק דארט צווישין דיא בוימער וויא מיר האבין דא פריהער גיזאגט · אונ עס האט אים גיהייבין איילין וויים · אזו איז עס האט ער ביי זיך גיטראכט · נון ווייס איך שוין פון דעם גרויסין געהיימנים וואש מיין ברודער האט מיר אלץ ניט גיוואלט אויש זאגין · נון אזו איז עס · נון וועל איך אים אפ מרעטין · איך בין נאך אזו איידיל וויא ער · איך וויל מיך ניט באנוצין מיט זיין אומגליק חליה · איך וויל ניט בויען מיין הויז אויף זיין אונטער גאנג · ער האט מער רעכט אלס איך צוא נעמען רחלען דען זיינע ליבע צוא איר איז עלטער אלס מיין ליבע צוא איר

צווייטנס



צווייטינס ליבט זיא נור אים ; אבער ניט מיר נון קען איך דאך בלויז שוין ניט גליקליך זיין מיט איר · נון גאט זייא דאנק וואש איך בין דאש באצייטין גיוואר גיווארין דען אין איינינע שטונדין ארום וואלט שוין ניוועזן נאך אלעמען · איך וואלט דאך מיט איר חופה גיהאט · אונ דאן וואלט דאך ניט גיהאלפין קיין גט דער צו · איצונד אבר ווען איך וועל אוועק דא קען דאך נפתלי גיהאלפין ווערין · דען ווען מען וועט זעהען דאס איך בין פאר פאלין גיווארין וועט פאר גיווים נפתלי איר נעמען · אונ ווארטין וועט מען אויף מיך אויך ניט · דען איך וועל דאש אויך גוט באווארענען · אונ אזו בלייבט מיר גיזונד מיינע ליבע עלטערין · בלייב מיר גיזונד מיין ברודער · אונ אזו אויך דוא נאטעם הויז :

וכן) אונ אזו האט ער זיך גיזעגינט אין זיינעם גידאנקען מיט וועמען עס אים נור ליב וואר · אונ איז זיך אזוי אוועק צוא איין עווייסין שטראם אונ האט זיך דארט אריין גיזעצט אין אצאלנע וואש ער האט דער ווייסט אונ האט זיך אזו אוועק גילאזין מיט אים ביז צוא דעם מיט לענדעשין מער · עס וואר דאן נאכט · עם האט אים קיינער גיזעהען אונ גיהערט · נון לאמיר אים לאזין דא אויף דעם שטראם אונ מיר ווערין אויף אוויילע אקוק טאן וואש עס האט זיך דא אין דער היים פאסירט עס האט ניט לאנג גידויערט אונ מען האט אן גיהייבין צוא זוכין דעם אליעזר · דען עס וואר שוין צייט צוא פירין אים צוא דער חופה · מען האט אים אויש גיאקערט אום אונ אום אונ מען האט אים ניט גיפונען ביז איינער האט זיך אפ גירופין דאס ער האט אים גיזעהען שלאפענדיק אין דעם לוסט גארטין · מען איז גילאפין אהין · מען האט אויף גיזוכט דעם ארט וואו ער איז גילעגין אונ מען האט אים שוין מיט דער וויכט · מען האט דארט דער ווייסט זיין גארטיל · איין אזו פאצייליקע זיינע נוטע בעווייזע דאס ער וואך דארט · ער אליין אבער איז שוין דארט ניט גיווען · אונ אזו האט מען אים גיזוכט די גאנצע נאכט · עס האט דער מיט דיא שטאט אויף גיקלונגען

אונ

און אויף מארגן איז גיווארין דער מיט דיא גאנצע מדינה אויף • און ניט איינער איז גיקומען זאגין דאש ער האט אים ערגעץ גיזעהען • נון פאר שטייט זיך פון זעלבבט דאש זיינע עלטערין זיינען שיר אויסין זינען גיווארין • זייא האבין אים באדויערט אונ באוויינט וויא יעקב אבינו זיין זון יוסף • דאש גלייבין דער עובדיהו „עס איז מיר ניט באשערט גיוועזן„ האט ער גיזאגט „צוא האבין אזו איונגין מאן פאר איין איידעם„ דיא רחל איז גיזעסין איין פאר קלעמטע • דער נפתלי נאך מער • דען ביידע האבין גוט פאר שטאנען באלד וויא זייא זיינען גיווארין גיוואר דאש אליעזר האט גישלאפין דארטין אונ דארטין אין לוסט גארטין • האט ער בודאי גיהערט זייער גישפרעך • אונ איז פר גיווים צו ליב דעם אנטלאפין גיווארין • דאך אבער האבין זייא ניט גיטארט קיין ווארט ריידין דער פון • אונ נפתלי האט שוין ביי זיך אין הערצין באשלאסין דאש ער זאל דער פון קיינע נוצין ציהען „גיין„ האט ער ביי זיך גידיינקט • גיין איך וועל רחלען ניט נעמען • איך מוז אין דער ווייטע וועלט אוועק אונ מיינעם ברודער אויך זוכין ווען ער זאל זיין אונטער דיא הרי חושך :

וכן חלפו) אונ אזו זיינען איבער גיגאנגען פינף שווערע טעג אין זוכין אונ אין האפין • אונ אויף דעם זעקסטין טאג האט איין אלטער פישער גיבראכט קיין שילה אלע קליידער וואס אליעזר האט אויף זיך גיטראגין • מיט זיין רינג וואש עס וואר זיין נאמען גיקריצט אויף אים „דער קאן עס„ האט ער גיזאגט צוא דעם אלטין צדוק הכהן • צוא איז דיא קליידער פון דיין זון אדער ניט • איך האב עס גיפונען פינף טעג רייז פון דאנען ליגענדיק אויף איין שטיין ביי דעם ברעג טייך • אונ דיא הירטין וואש ווידין דער ביי דער צייטין דאש זייא האבין גיהערט גישרייען „ראטעוועט מיך דען איך טריינק מיך„ „א אונ וויי איז מיר„ האט זיך דער פאטער אפ גירופין • איצונד ווייס איך שוין אויף קלאר וואו איך בין אין דער וועלט מיט מיין זון אליעזר מיט מיין בכור • וואש





ער וואר מיין שטאלץ • מיינע האפענונג • מיין מטרא מקומי • אונ האט אזו צוא ריסין דיא קליידער אויף זיך אונ האט גישאטין אש אויף זיין קאפ : אונ דאש זעלבינע האבין גיטאן אלע וואש ווארין ארום אים • דיא גאנצע פאמיליע האט אן גיטאן טרויער קליידער • אונ עס וואר גימאכט איבער אים יהספדים אין אלע שטעט • מער פאר אלע האט אים באדויערט נפתלי • דען ער האט ביי זיך גידיינקט דאש עס וואר דיא גיוויסע אורזאכע פון זיין ברודערס טויט • אונ זיינע אויגין האבין אים ניט גיטריקענט כמה וואכין :

ויהי כאשר תמו) אונ עס וואר וויא דיא טרויער טעג האבין שוין איין ענדע גינומען • אונ עובדיהו האט שוין גיוואלט מיט זיין טאכטער צוריק אהיים פארין • דען ער האט דאך קיין מוט גיהאט אן צוא מוטהען דעם צדוק הכהן דאש ער זאל זיין טאכטער דער האלטין פאר זיין צווייטין זון • דא האט אים דער צדוק דער האלטין נאך אויף עטליכע טעג „פאר זאם זיך נאך ביי מיר אקליינע צייט„ האט ער צו אים גיזאגט • איך וועל מיט מיינעם צווייטין זון ריידין • פיליכט גיפעלט אים דיין טאכטער • דאן וועט פון מיינער זייט קיין מניעה זיין „הלואי זאל עס גישעהען„ האט אים עובדיהו גיזאגט • אונ האט זיך אפ גישטעלט ביי אים מיט דער רחל • אונ דאן האט דער צדוק דער כהן גדול ארייין גירופין צו זיך זיין זון נפתלי אונ האט צוא אים אזו גיזאגט • הער צוא מיין ליבער זון • דיין ברודער וויא דוא ווייסט וועט זיך שוין צוא אונז ניט אום קערין • גיכער וועלין מיר צוא אים קומען איידער ער צוא אונז • דאהער מיין ליבעם קינד פאלג מיך דיין אלטין שוואכין פאטער : הער אויף צוא טרויערין • אונ נעם רחלען דיין ברודערס כלה פאר אווייב • דען זיא איז איין טייער קינד • זיא איז שיין • גוט • קלוג • דוא ברויכסט קיין בעסערע ווייב צוא האבין אלס זיא איז • דער צוא נאך טוט מיר זייער לייד אום איר • איך באטראכטע איר שוין אלס מיין טאכטער • עס איז מיר שווער מיין שיידין זיך פון איר • איך וועל עס ניט איבער לעבין •

נון מיין קינד האב מיט לייד מיט מיר אונ איר אונ האב מיט
איר חתונה · איך וויל דיך זעהען מיט אפרויא בעפאר איך ווער
מיך פון דיר אויף אייביג שיידין · צווייטינס וועסט דוא דאך מוזין
נעמען באלד אנווייב דען דוא וועסט דאך ווערין איין כהן גדול אונ
איין כהן גדול מוז דאך האבין אפרויא · נון מיין קינד זאל זיא זיין
דיין באשערטע :

הבן שמע ויבך) נפתלי האט גיהערט דיזע רייד פון זיין
אלטין פאטער · אונ האט דער בייא שרעקליך גיוויינט · אונ האט
אים גיענטפערט ליבער פאטער · דוא פערלאנגסט פון מיר אזו איין
זאך וואס עס איזט מיר דער ווידער מיינעם געוויסען דען איך קען
עס זעלבסט אויף מיין גידאנקען נים ארויף ברייננגען · דאס איך
זאל מיך בענוצין מיט מיין ברודערס אומגליק חלילה · דער צו וועט
זיא מיר זיין איין אייביגער טרויעריגער אן דיינקען פון מיין ברודערס
אומגליק אין דיא בעסטע שטונדין פון מיין לעבין · אין דיא
פריילכסטע צייטין וואס איך וועל מיט איר צו בריינגען קענען
וועט עס מיר מאנען אן מיין ליבענס ברודערס טויט · צווייטינס
ווייס איך נאך נים צו זיא וועט עס וועלין · ווען אויך איך בין
רייך אונ זיא איזט ארעם דאך איין הערץ לאזט זיך נים פערקויפין
פיללייכט וויל זיא מיך נים · פיללייכט וויל זיא איר ערסטין גיליבטין
אימער אונ אייביג בעטרויערין :

כאחד הנערים תדבר) דוא רעטסט מיין קינד האט אים דר
פאטער גיענטפערט וויא איין קליינער אינגיל · זאג מיר וואס
וואלסט דוא גיטאן ווען דיא גישיכטע וואלט גיטראפין נאך דער
חתונה דא וואלסטו דאך איר מוזין מייבם זיין וויא דער דין איז בייא
אונז אידין · נון אט זייא זע איצונד מקיים; איין אנדער מצוה · דאס
הייסט דיא מצוה פון כיבוד אב אונ פאלג מיך אונ נעם איר · איך
גלויב דאס דיין פרומער ברודער וועט דער מיט דארט אויך צוא
פרידין זיין · דען פערנעווים איזט פאר אים פיל גלייבער דאס זיא
זאל זיין דיין ווייב אלס איין אנדערינם · אונ ווען נאט וועט דיר

געבין



געבין אזון פון איר וועסטו אים אנאמען געבין אליעזר : נון וועט
בלייבין זיין אנדיינקען אונטער אונזער פאמיליע · אונ פילייכט וועל
איך עס נאך דער לעבין צוא זעהען מיט מיינע אויגין · אונ וואש
עס איז נוגע צוא איר רצון דאש איז שוין מיין דאגה :

והנה) (נון מיינע טייערע לעזערין) וויא מיר ווייסין דאש
נפתלי אונ רחל האבין זיך איינע דיא אנדערע שטערבליך גיליבט ·
דאך אלץ אינם גיהיים (סעקרעטנע) האט דא נפתלי גישפילט נור
איינע קלוגע ראלע · אונ האט זיך דאהער גילאזט זייער לייכט איין
ריידין · דאש גלייכין האט מען מיט דיא רחל אויך נים גידארפט
טויזינד זמנים קנעלין אום עס צוא פועלין בייא איר · אין אמאנאט
ארום ווארין דיזע ביידע פאר הייראטהעט · אונ האבין גילעבט
צוא זאמען זייער גליקליך · אונ אין איאר ארום האבין זייא זייערע
עלטערין דער פרייט מיט איין גיזונטין איינינקעל אונ האבין אים
ווירקליך אנאמען גיגעבין אליעזר · וויא דער אלטער פאטער
האט גיהאפט :

ענדע גוט אלעס גוט.

ובכל אלה) אונ בייא אלע דיזע פריידין אונ נחת וואש
דער אלטער פאטער האט דא גיהאט פון זיין זון נפתלי פון זיין
שנור אונ פון איינינקעל · איז נאך אלץ גיבליבין אוויינקעל אין זיינעם
הערצין וואש דארט האט גיוואונט דער טייערער אנדיינקען פון
זיין ליבין זון אליעזר · דען ער האט אים נים גיקענט פאר געסין
אונ פלעגט אין דיא שטילע נעכט זייענדיק אליין אין זיין צימער
זייער שטאַרק באוויינען · ער פלעגט אים צוא רופין מיט זיין
נאמען · אונ פלעגט אים צוא באדויערין אימער וויא אונזער
פאטער יעקב זיין זון יוסף · אונ פלעגט אליין אויף זיך וואונדערין
פאר וואס ער קען זיך נים לאזין נאך אים טרייסטין וויא אלע
עלטערין נאך זייערע שטארבענע קינדער · אויך זעלבסט
נפתלי וואש ער האט דער ווארט אויף וואש ער האט גיהאט

דען

דען ער האט האך דורך דעם טויט פון דעם ברודער באקומען זיין געליבטע · אונ נאך איז אין דער וועלט קיין גרעסערער גליק געוואָרין געזעהען · וויא אים איז דא געשעהען · דען צוא ווערין געליבט פון יענע פערזאן וועלכע מען ליבט · איז עס אזו אזאך וואש גאנץ זעלטין געבט · אויך ער האט אין דער פריילכסטע שטונדע געשפירט אין זיינעם הערצין איינע טיפע וואונדע · אויך ער האט זיך אלין אן זיינעם ברודער ניט געקענט פאר געסין · אונ פלעגט זיך אלץ גריזען אונ פרעסין :

ביותר) מער פאר אלץ פלעגט אים אונ זיין פאטער צוא קריינקען אונ קלעמען דאש אליעזר האט זיך דער טרונקען פיליכט האט ער עס גיטאן בכיון · אונ דאן האט ער דאך יענע וועלט אויך ניט · אונ ווידער ווארום האט ער עס גיטאן · וואר צנפתלי האט פיליכט געקענט פר שטיין דיא אורזאך דער פון · אונ דאש גראדע האט אים זייער געפלאגט זיין געוויסין · דאש ער האט ניט געקענט זיין פערגעניגין ניט געניסען · אונ אזו זיינען זיך איבער גילאפין כמה יאר : אונ דיא געשיכטע איז שוין פון אלעמען גאנץ פארגעסין געווארין · עס האבין איר געדיינקט נור דיא ביידע צדוק אונ נפתלי אונ ווייטער קיינער · צדוק וואר שוין אזו אלט דאש ער האט שוין איבער געגעבין דיא כהונה גדולה דעם נפתלי אונ האט שוין דער ווארט דעם טאג פון זיין טויט · אונ נאך וואָרין זיינע אויגין ניט געשטילט · דען ער האט אימער אום זיין זון אליעזר געוויינט · אונ פלעגט זיך צוא קוויקין אימער מיט זיין איינקיל וואש מען רופט אים אויך אליעזר :

ויהי) אונ עס וואר צוא ענדע פון צעהען יאר · אין דעם זעלבינין טאג וואש דער אליעזר איז פאר פאלין געווארין · איז דער איינקיל אויך פאר לארין גינאנגען · ער איז זיך ארוים גינאנגען זיך שפילין דארט אין אשיינעם לוסט וועלדיר וואש איז לעבין דעם טייך : אונ איז ניט ניקומען צוריק · אונ ער וואר נור איין בן יחיד ביא זיינע עלטערין · מען האט אים אויש געזוכט אלע ווינקעלאך אונ





מען האט אים ניט געפונען · ווער קען באשרייבין דעם לארם פון דער מוטער דעם וויינען פון פאטער אונ דעם קלאגין פון דעם אלטען „ביין„ האט דער אלטער צדוק געשריען „ניין„ איר וועט מיר עס ניט איין ריידין מיין הויז האט זיך זייער שווער פאר זינדיגט געגין גאט דאש ער שטראפט מיך דעם צווייטין מאל אין דעם זעלבינן טאג אונ אין דעם זעלביגין ארט · א אזו מיין ליבער גאט · דיין געהיכט איז פאר געווים גירעכט אבער זייער שטרייננ · דוא האסט מיך גילאזט לעבין אזו לאנג אום נור דיזעם אונגליק צו ערלעבין מיין לעצטין טראסט פון מיך צו ענטרייסטין · דעם שטעל פאר טרעטער פון מיין אליעזר אין מיינעם וויסטען הערצין · א לאז מיך שטארבין דאש איך זאל נאך וואש שלימערער ניט ערווארטין ראז מיך שטארבין איך בין ניט בעסער פאר מיינע עלטערין וואש האבין פיל ווייניגער פאר מיר גילעבט · אזו האט דאש וויינן אונ קלאגין גדויערט גאנצע צוויא טעג :

ויהי ביום השלישי) אונ עס וואר אויף דעם דריטין טאג אין דער פריא אין דיא צייט אז מען האט נאך אין צדוקס הויז גישלאפין האט מען דער הערט דארט פלעצליך אגרויסע קלאפעריא מען האט געעפינט דיא טיר : א פריידין איבער פריידין · צוויא הירטין האבין גיבראכט דעם קליינעם אליעזר גיקליידעט וויא איין פירשטין קינד · מיט גאלדענע אונ בורלאנטענע ארעם בענדער · אין אהזט וואש איז ווערט טויזענד טאלער · באזעצט מיט טייערע אבנים טובות · דיא קליידערלאך אלע זיינע וואָרין פון פורפערי דיא קעסענס פול מיט צוקער גיבעק · אונ דער אינגעל אליין איז זייער פריילך אונ לוסטיג · דיא עלטערין זיינען אויף אים ארויף גיפאלין האבין אים אויש גיקוסט אלע גלידער · אונ דער נאך אלם זייא האבין דיא ערסטע נעפילע פון זייער הערצין איין געשטילט האבין זייא אן גיהייבין אים אויש צוא פרעגין וואו ער איז געוועזן דיא צוויא טעג · אונ ווער האט עס אים אוים גיקליידעט · זייא האבין נאך ניט געקענט זיך ערווארטין אויף זיין תשובה האבין זייא אן גיהייבין אויש צוא פרעגין ביא דיא הירטין וואש האבין אים גיבראכט וואו זייא האבין אים

באקומען «איין רייבער הער אונ איינע רייכע דאמע האבין אים צוא
אונז צוא געפירט. האבין זייא געענטפערט · זייא האבין אונז גיגעבין
צווייא טאלער אונ האבין אונז גיבעטין דאס מיר זאלין אים אוועק
פירין צו אייך · מיר וואַרין דאן בייא אונזערע הערדין אויף דער ווײדע
וואס אין צווייא תחום שבת ווייט פון דאנען אונ מער ווייסין מיר ניט :
„אונ וויא איז קומסט דוא צו זייא. האבין אים דיא עלטערין
גיפרעגט · אלס איך וואַר איין וועלדיל אונ האב זיך גישפילט מיט
דיא קינדער אין בכורים · דאס הייסט איך האב זיך גימאכט פאר
אכהן גדול · אונ זייא האבין גיבראכט צוא מיר דיא יאגדעם אונ די
נים וואס זייא האבין דארט אויף גיקליבין אין קליינע קערבעלאך ·
בעקרענצט מיט בלומען האבין עס מיר איבער גיגעבין מיט גיזאנג
אונ מיט שפילערייא אויף פייפלאך · אזו וויא עס איז דיא זיטע
(מאדע) בייא אונז אלע יאר אום שבועות · אונ איך האב עס בייא
זייא צוא גינומען · אונ האב עס גיוואלט אוועק טראגין צוא איין
אלמין הירט וואס וואונט דארט ניט ווייט דען ער איז קראנק אונ
שוואך · האבין מיך דיזער הער מיט דיזער דאמע אן גינומען אונ
האבין מיר גיגעבין צוקער גיבעק · אונ האבין מיר אזו מיט גוטע
ווערטער איין גירעט דאס איך זאל מיט זייא גיין צוא זייער לאגער ·
קוים בין איך מיט זייא איין גיגאנגען אין היפשע שטיקיל וועגס
האב איך אן גיהייבין צוא שרייען דאס איך וויל אהיים · עס זיינען
אבער באלד אן גיקומען זייערע קנעכט אונ האבין מיך גינומען מיט
גוואלד אונ האבין מיך אוועק גיטראגין אין טיפין וואלד · אונ דארט
האב איך דער וויסט זייער שיינע גיצעלטין מיט פיל קעמלען אונ
זייער פיל באדינטע · אונ דער צוא אויך איין קליינעם קנאבע וואס
מען רופט אים נפתלי אונ דער הער אונ דיא דאמע האבין מיך
אויש גיפרעגט אלץ וואס אין דער היים טוט זיך וויא מען רופט מיך
אונ וואס דער זיירע מאכט אונ וואס איר מאכט · אונ האבין מיך
אזו אלץ גיקוקט אונ גיהאלדזט · האבין מיר גיגעבין דיא בעסטע
שפייזין · אונ האבין מיר גילאזט שפילין מיט זייער נפתלי ער וואר

אזו



אזו שיין אונ אזו אלט וויא איך · זיין פאטער אליעזר איז אזו גוט
וויא דוא מיין ליבער פאטער · אונ זיינע מוטער אלישבע איז אזו
שיין וויא דוא מיינע מוטער · עס וואר מיר אזו גוט בייא זייא דאס
איך האב שוין גאר ניט גיוואלט אוועק פון דארט · זייא האבין מיך
אבער אפ גישיקט איצונד צו אייך נור ווייל זיי ווייסין דאס איר ווערט
גרויש לייד האבין וואס איך בין ניט דא בייא אייך :
דברי הנער) דיזע רייד פון דיזעם קינד האט אפ גיקילט
זייערע געמיטער · דער נאמען אליעזר פון יענעם הערין האט אין
זייא אויף גיוועקט איינע נייע האפענונג „ניט אנדערש" האט זיך
דער אלטער פאטער אפ גירופין · ניט אנדערש איך וועט מיט אייך
דאס דאס מוז זיין מיין זון אליעזר דען ער לעבט נאך · דאהער
קען איך אים ניט פאר געסין · גישווינד מען זאל אונז זאטלען
דיא ווייסע אייזלען · איך בין נאך גינוג קרעפטיג אונ יונג אום
מיינעם פאר לארענעם זון אין דיזעם נאהענטין וואלד אויף צו זוכין ·
אונ אזו איז דער אלטער צדוק מיט זיין זון אוועק גיריטין אין
טיפין וואלד · אונ עובדיהו אויך מיט זייא אונ זיינען גיקומען צו
דעם ארט וואס דאס קינד האט זייא גימאלט · האבין דער זעהען
פון ווייטין דיא גיצעלטין אונ צוא גלייך אויך דעם הערין דעם
רייכין · אונ האבין אים אויך דערקאנט דאס ער איז דער אליעזר ·
נון מיינע טייערע לעזערין עס פעלט מיר ווערטער אונ רייד צוא
באשרייבין דיר דיא גרױסע פריידין וואס דארט וואר אלס זייא
האבין זיך איינאנדער דער קאנט · איך קען דיר מער ניט וויא
זאגין · דאס דא איז ניט ווייניגער צוא גיגאנגען וויא בייא אונזער
פאטער יעקב אלס ער האט דער זעהען זיינעם זון יוסף · גאנצע
צווייא שטונדין זיינען איבער גיגאנגען אין קוסין זיך אונ הערצין זיך · עס
איז גיגאסין אונ גיפלאסין גיווארין פריידין טרערין פון איינעם
אויגין אין דעם אנדערינס אויגין · אליעזר האט זייא פאר גישטעלט
זיינע פרויא אלישבע וואס זיא וואר שיין וויא דער מאנד · קלאר
וויא דיא זון · גלייך גיוואקסין וויא איין טייטיל בוים · אונ

בליהענד

בליהענד וויא איין רויז אונ גוט אונ פרום וויא אונזער מוטער רחל · נאך דעם האט ער זייא פאר גישטעלט זיין קליינעס זון נפתלי דער אלטער פאטער האט אים ארויף גינומען אויף זיין שויס האט אים גיקוסט אונ האט גיזאגט · איך האב ניט גיהאפט צו זעהען דיך אליעזר נון האט מיך גאט גיצייגט אויך דיינע קינדער · אונ זיא האט זיך ניט עם וואורדע באלד גישיקט נאך דיא רחל · אונ זיא האט זיך ניט ווייניגער גיפרייט אלס איר מאן · אונ האט גאט גידאנקט דאש אליעזר האט זיך אויש גישלאגין זיין שאדין · דען ער האט דאך באקומען אווייב וואש איז אזו שיין וויא זיא :

ויהי) אונ עס וואר אלס דער שטורעם פון דיא ערסטע פריידין איז שוין פאר איבער גיגאנגען · האט אליעזר גימאכט פאר זייא דארט אין זיין גיצעלט אגרויסין מאלצייט · אונ זיצענדיק מיט זייא בייא דעם טיש האט ער דער ציילט זייא דיא גאנצע גישיכטע פון זיין אוועק פון זייא · וואו הין ער איז גיקומען · אונ וואש עס האט זיך מיט אים פאסירט :

בהיותכם יחד בגן) ,,אלס איר זייט ביידע גיוועזן אין גארטין, האט ער אן גיהייבין · דוא מיין ברודער נפתלי אונ דוא רחל האב איך דאן גיהערט אייער גישפרעך · דען איך בין גילעגין ניט ווייט פון אייך צווישין דיא בוימער פון גארטין · אונ אלס איך האב דער הערט · דאש איר זייט ביידע צווישין זיך פאר ליבט נאך פריהער פאר מיך · אונ דאש צוא ליב מיר איז בייא אייך גיבליבין דאש דוא זאלשט עוקר זיין פון דער היים · בין איך דיר אין דיזער זאך צוא פאר גיקומען · דען דוא ווארסט מיר ליבער אלס איך · אונ דאמיט איר זאלט אויף מיך ניט ווארטין האב איך גישפילט מיין ראלע אזו גלייך וויא איך וואלט מיך דער טרונקען · איך האב מיינע קליידער מיט מיין רינג גילאזט ליגין בייא דעם ברעג טייך · אונ בין פון דארט אוועק פאר קליידעט אלס איין ארעמער הירט ווייט אין דיא בערג פון לבנון · אונ דארט האב איך גידינט אלס הירט בייא איין גיוויסין אחיעזר האשקלוני ·

דער



דער נאך אלס איך האב מיך אויש גיצייכינט אין מיינע ארבייט · האט מיך איין אראבישער עמיר (פירשט) גימאכט פאר איין אויבער הירט איבער אלע זיינע הערדין · אונ גאט וואר מיט מיר דען זיינע הערדין האבין זיך זייער שטארק פאר מערט אונטער מיין השגחה · נון וואר איך גיאכט אין זיינע אויגין · דער צוא האב איך מיך אויש גיצייכינט מיט מיינע טיפע אונ גרינטליכע ידיעה אין דער דאקטעריי °) דאש איך האב אים איין מאל אויש גיקורירט פון איינער גיפערליכע קראנקהייט · אויך האב איך מיר גימאכט אגרויסין שם מיט מיין חכמה אין דער תכונה · אונ אין נאך פילע ידיעות · דאש מיין הער וואש וואר אליין אויך אגרויסער חכם האט אן גיהייבין צוא מערקין דאש איך בין פאר גיווים קיין גיבארענער הירט · אונ האט אן גיהייבין צוא הוקר ודורש זיין פון מיר ווער איך בין · נון האב איך אים דער ציילט דיא ווארהייט · דאש איך בין דעם כהן גדולס אזון · אונ האב אים דער ציילט אויך דיא אורזאך פון מיין אוועק פון דער היים · קוים האט ער דער הערט מיין גישיכטע · איז ער מיר ארויף גיפאלין אויף מיין האלדז · אונ האט מיך גיבעטין דאש איך זאל נעמען זיין איינציגע טאכטער אלישבע ,,איך קען דיך אונ קען דיין פאטער, האט ער צוא מיר גיזאגט · איך וואר פאר צעהען יאר אין שילה · איך האב דיין היילינין פאטער בעזוכט · אונ האב זיך איצונד דער מאנט דאש. איך האב דיך אויך גיזעהען מיט דיין ברודער איר זעהט ביידע גלייך אויש · אונ דאש איז וויל איר זייט איין צווילינג האט מיר דיין פאטער גיזאגט · איך האב דאן גיבראכט אקרבן אין אייער משכן · נון וויל איך ניט

אנדערם

°) אין יענע צייטין ווארין דיא כהנים אויך דיא דאקטורים בייא דיא ישראל · זייא האבין עס גימוזט קענען צוא ליב דיא נגעים · אונ נאך אנדערע זאכין :

אנדערס דאש דוא זאלשט מיין איידעם ווערין · דען פון יענער צייט אן וואש איך וואר אין שילה האב איך אויך זיך מקבל גיוועזן דעם אידעשין דת · נון דארף איך פאר מיין טאכטער קיין בעסערין מאן האבין אלס דוא ·

גאנץ רעכט האב איך אים גיזאגט · מיר גיפעלט דיין טאכטער זייער גוט · אונ פילייכט איך איר אויך · דאך דארפסט דוא וויסין דאש ווען איך וועל נעמען דיין טאכטער טאר איך שוין מעהר קיין כהן גדול זיין · דען איין כהן גדול מוז נעמען נור איינע אידעשע טאכטער אבער קיינע גיורת · אונ איין טייל וויל נאך האבין דאש איין כהן הדיוט טאר אויך קיין גיורת נעמען · דאך — · נון ווערסט דוא דורך דיזעם שידוך קיין גרויסע עהרע דער לעבין „ניין„ האט ער זיך צו מיר אפ גירופין · איך מיין ניט מיינע טאכטער צו מאכין דורך דעם פאר איינע גרויסע פריישטערין · איך בין אליין גינוג רייך איך בין פירסט אינ זיא איז מיין איינציגע ערבין · איך וויל דיך נור פאר איין איידעם האבין ווייל דוא ביזט אליעזר צדוקס זון · קורץ דער פון איך האב דיזעם גליק ניט גיקענט ווידער שטיין · דען זיין טאכטער איז מיר העכסט גיפעלין אונ אזו איך איר ; אונ איך האב איר גינומען פאר אווייב · אונ האב מיט איר דיזעם זון ערלעבט · נון בין איך איצונד גיקומען אין דיזער לאנד אום צוא זעהען וואש איר מאכט · איך האב אבער ניט גיוואלט קומען צוא אייך פלעצליך · דען איך האב נאך אלץ פחד גיהאט צוא וועל איך ניט שאדען צוא אייער גליק מיט מיין קומען · פיליכט ווארט נאך דיא רחל אויף מיר : דאהער האב איך מיך אפ גישטעלט דא אין וואלד אום עס גיוואר צוא ווערין · צום גליק האב איך גראד אן גיטראפין דא דיין קינד שפילט אין בכורים · ער האט גישפילט דיא ראלע פון אכהן גדול אונ דיא קינדער רופין אים אליעזר · נון האב איך אן גימערקט באלד דאש ער איז דיין זון אונ האב אים צוא זיך גינומען אונ האב ביי אים אלץ אויש גיפרעגט · אונ האב מיך העכסט

ערפרייט



ערפרייט דאש דוא נפתלי האשט גינומען דיא רחל · נון לויב גאט האב איך אויך א פרויא וואש מיך גיפעלט · אונ בין זייער רייך · אונ וועל נאך מיט דער צייט זיין איורש פון אגאנצע פראווינץ וואש ליגט אויף יענער זייט לבנון · איך האב מיט מיין פרויא דער לעבט א זון · אונ האב אנאמען גיגעבין נפתלי אום צו גידיינקען אן דיך מיין טייערער ברודער · אונ אזו האבין זייא דארט אין וואלד צוא גיבראכט דעם גאנצין טאג · אנטקעגין אווינד זיינען זייא גיקומען אין שטאט · עס זיינען זייא ארויש אלע אנטקעגין מיט גיזאנג אונ מיט טענץ · אונ עס וואר דארט פריידין איבער פריידין ·

וישב אתם) אונ אליעזר איז גיזעסין אין שילה ביי זיין פאטער אונ ברודער מיט זיינע פרויא אונד קינד כל זמן דער פאטער האט גילעבט · יעדער טאג וואר ביי זייא איין אנדער יום טוב · דאש איז גיקומען עובדיהו צוא פארין · דאש איז גיקומען (בן ד״ר) דער שווער פון אליעזר · דער אראבישער עמיר :

וה׳ נתן הריון) אונ דער ווייליע זיינען זיך דיא שניר טראגין גיווארין אונ האבין נאך קינדער גיהאט · אונ עס וואר דארט איין שמחה נאך דיא אנדערע · אונ אזו האט דיזער צדוק פאר לעבט זיינע לעצטע יארין פיל בעסער אלס זיינע ערשטע יארין · אונ איז גישטארבין איין זקן פון אכטציג יאר · אונ זיינע ביידע זין האבין אים מקבר גיוועזן אין דער מערה פון זיינע עלטערין מיט גרויש כבוד · אונ כל ישראל האבין אים באוויינט :

ויהי אחרי מות אביהם) אונ עס וואר נאך דעם טויט פון זייער פאטער האבין דיא ישראל ניט גיוואלט לידין וואש אליעזר וואונט אין שילה · דען זייא האבין גיזאגט דאש ער האט מחלל גיוועזן דיא כהונה מיט דעם וואש ער האט גינומען איין גיורת · דען עס וואר שוין דאן אגרוישער טייל אונטער דיא סנהדרין וואש האבין עס גיהאלטין פאר אזינדע · אונ האבין אים גירעכינט אזו גאר פאר אהלל אים אונ זיינע קינדער · נון איז גיווארין דורך

דעם

דעם אקריג. אין לאנד צווישען זיך · דען עס האבין זיך געפינען צדדים · דער צוא האט דער (בן דור) אליעזרס שוועהר געוואלט אריין פאלין אין דער אידעשע לאנד מיט זיינע ווילדע אראבער · דא האט דער אליעזר אם גימראטין מיט דעם גוטין ווילין פון ארץ ישראל · דאמיט עס זאל נוט פאר גאסין ווערין אום זיסטע בלוט : און האט זיך באזעצט בייא זיין שוועהר · און האט דארט פאר לעבט זיינע יארין מוט זיינער פרויא זייער גליקליך און פרום · און זיין ברודער נפתלי איז גיבליבין אכהן גדול כל ימי חייו · און האט זוכה געווען צוא זעהען וויא זיין זון אליעזר האט מקרא מקומו געווען אויף דער עלטער · און אזו ווארין פון זיין משפחה כהנים גדולים ביז דעם אחימלך : וואס וואר איין כהן גדול אין דיא צייטין פון שאול המלך :